STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05487

KARAVANEN

Ephraim Auerbach

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אפרים אויערבאַך

קאַראַוואַנען

ליטעראַרישער פערלאַג, ניו יאָרק

.1918

Copyright 1918
by
E. AUERBACH.

אויפ'ן שוועל

זייט געזונד.

ווייך ניט, וויין ניט, גוטע מאַמע,
ב׳וועל דעם וועג אַריבערקומען,
בעט נור גאָט דער ים זאָל רוהען,
צאַרענדיג אַזוי ניט ברומען.

דאָ איז, מאַמע, קאַלט און פראָסטיג
און די זון — ווי אייז פערפרווירען,
אָט, דו זעהסט, פון קעלט איך ציטער,
און עס צופּט דער פראָסט די אויערען.

דאָרט איז, מאַמע, אייביג וואַרעם,
בוימער זיינען אייביג גרינע,
דאָרטען, מאַמע, דאָרטען, דאָרטען,
בעטסט דאָך תמיד אין דיין תחינה...

װעל איך דיר פֿון דאַרטען שיקען
פֿון אַ מאַנדעלבוים אַ בלעטעל,
זאָלסט עס, מאַמע, יעדען װײַזען,
קלײַן און גרױס בײַ אונז אין שטעטעל...

און מיט גדלות זאָלסטו זאָגען:
— אַט די זיסע, גוטע מאַנדלען
װעט מײַן זוהן פֿאַרפּלאַנצען דאַרטען,
פּלאַנצען בױמער און ניט האַנדלען...

אויפ׳ן שוועל.

א׳

ס׳ווייזען זיך גאָלדענע, זאַמדיגע ברעגען.
בלויע, פאַר׳חלומ׳טע בערג פון דערווייטען,
דערפעלאַך קליינע, מיט וועגעלאַך שמאָלע,
ברוינע אַראַבער אויף אייזעלעך רייטען.

עס ליעגט אויף מיין קאָפּ נאָך דער שטויב פונ׳ם וואַנדער,
עס איז נאָך מיין רוקען געבויגען אין דרייען.
דאָ וועל איך מיין טרייסט אויף די פעלדער געפינען,
דאָ וועל איך, געלייטערט, מיין לעבען בענייען.

אַ קינד בין איך איצטער, כאָטש גרויס און דערוואַקסען.
דאָ וועל איך מיט קינדער זיך שפּיעלען און שטיפען.
דאָ ווילט זיך מיר ליגען ביים ים אויף אַ בערגעל
און קוקען אין הימעל, אין הימעל אין טיעפען.

ב׳

ס׳האָט אַ פּאַרעם זיך געצויגען
דורות לאַנגע נאָכאַנאַנד,
און פאַרקניפּט מיך און פאַרבונדען
מיט מיין ווייט־פאַרווּיסטען לאַנד.

איין עק דאָ און איין עק דאָרטען,
דאָ — אַ האַרץ און דאָרט אַ לאַנד,
דאָ — אַ בענקענדע נשמה,
דאָרט — אַ גרוי־פאַרשוואַרצטע וואַנט.

און צוריק בין איך געקומען
אויף די חורבות פון מיין לאַנד,
יעדער הייל און יעדער בערגעל
איז מיר דאָרט געווען בעקאַנט.

יעדער הייל און יעדער בערגעל
האָט ביי מיר אין האַרץ געלעבט,
כ׳האָב פון קינדרווייז נאָך דעם חלום
פון מיין אייגען לאַנד געוועבט...

ס'איז מיר בעקאנט.

ס'איז מיר בעקאנט יעדער וועגעל און שטעגעל,
כ'האָב עס געלערענט אין חדר אמאָל:
זעה איך פון ווייטען די בערג פון יהודה,
אט איז דער שרון, דער בליהענדער טאָל

ציהט זיך א רוהיג צואווארפענע סטאדע,
צושפרייט איבער טאָלען די שאָף און די רינדער,
פייפט אויף זיין פייפעל דער פאסטוך און חלומ'ט,
שפיעלען מיט שטיינער האלב־נאקעטע קינדער.

געהט דאָרט א ברוינע, געקרויזטע תימנית,
טראָגט זי אנ'ערדענעם קרוג צו דעם ברונען,
דערצעהלען די אויגען פון בערג און פון ווילדקייט,
דערצעהלט מיר דאָס פנים פון ברענענדע זונען.

שטעהט דאָרט א פייגענבוים, ברייט און צואוואקסען,
הערט זיך פון קעמעל־גלאָק ריטמיש דאָס קלינגען:
הוידעט זיך איינער ביי איהם אויפ'ן רוקען,
צוטראָגט זיך אויף פעלדער זיין טרויעריג זינגען.

ביים פענסטער.

איך שטעה ביי דעם פענסטער, די נאכט איז א בלאסע,
און בלאס קוקען אוים יענע שטיבלעך פון ווייטען,
און הער איך, ווי אייזעלשע טריט ערגעץ טאפטשען,
און שאטענדיג קומט ווער אהערצו צו רייטען.

צי איז עס א גייסט פון די בערגער געבוירען,
צי איז עס א גבור פון לאנגסטיגע צייטען,
איך שטעה ביי דעם פענסטער, די נאכט איז א בלאסע,
און בלאס איז דער שאטען וואס קומט פון דערווייטען.

איך שטעה ביי דעם פענסטער, די נאכט איז א בלאסע,
עס טראגט מעלאנכאליש פון ים זיך א ברומען,
און זעה איך די בערג, ווי זיי שטעהען פארשטיינערט,
פארשלאפענע ריזען און שווייגען און שטומען.

ביים כותל מערבי.

ענגע געסלעך, שטיבלעך קברים,
דאָ א שוהל און דאָרט א מארק,
הערט פון דאַנעט זיך א תפלה,
שרייט דאָרט עמיצער אין מאַרק...

קומסט אַראָפּ אהין אויף טרעפּלאך,
שטרעקען הענט זיך דיר אנטקעגען,
בלייבסטו שטעהן אזוי א שטומער,
נאָר די אויגען עפּעס פרעגען...

שטעהען אלע דאָרט געבויגען,
קושען אלט פערגרויטע שטיינער,
שרייען, רופען, גיסען טרעהרען,
און א שטומער שטעהסטו איינער...

אין די פייכטע היילען.

אין די פייכטע היילען,
אונטער גרויע שטיינער.
רוהען טויזענד דורות
די מלכים'ס ביינער...

זעהען יענע קברים
קיינמאל ניט דעם הימעל,
בלייבט פון אלטע יאהרען
אזא שווערער שימעל...

און אמאל פארבלאנדזשעט
פונ'ם גלות איינער,
שטעהט ער שטיל פארוואונדערט
ביי די גרויע שטיינער...

טויזענד־יעהריג שימעל
און פארשטיקטע היילען,
זיין נשמה'ס וואונדען
וואונדערליך פארהיילען...

דוכט זיך איהם, אז יונגער,
גלויביגער און ריינער
מאכען איהם די קברים'ס
שימלענדיגע שטיינער...

דינע פעדים בינדען
איהם צו יענע קברים,
דוכט זיך איהם, אז ער איז
גאָרניט אזוי אָרים...

ס'איז א רייכער יחוס
טיעפע היילען האָבען
וואו מלכים זיינען
דורות־לאַנג בעגראָבען...

ניט א קינד פון גלות
איינגעבויגען שטויביג, —
מיט אזוינע קברים
איז דאָס פאָלק זיינס אייביג...

מיט'ן פּיאָש און מקנר

דזשיאו, דזשיאו, דזשיאו, דזשי,
וועקט דער גלאָק אונז אויף גאַנץ פריה,
שאַרפען מיר די קאָסעס אָן,
הויבט אָן קרעהען ערשט דער האָן...

דזשיאו, דזשיאו, דזשיאו, דזשי,
מעלקט מען ערשט אין שטאַל די קיה,
גיט מען עסען ערשט די פערד,
און פון ראָסע — נאָס די ערד...

דזשיאו, דזשיאו, דזשיאו, דזשי,
פליהט אַ „ער“ אַרום זיין „זי“,
און דאָס העלזעל קוים צו זעהן,
שטרעקט ער אוים צו איהר מיט חן...

דזשיאו, דזשיאו, דזשיאו, דזשי,
קאַסען קאָסט דעם מענשען מיה,
און דער שוויים פון פּנים רינט,
זאָל כאַטש בלאָזען לייכט א ווינט...

דזשיאו, דזשיאו, דזשיאו, דזשי,
כ'האָב קיין ערד און ניט קיין פיה,
כ'האָב נאָר הענט געזונטע צוויי,
שנייד איך, אקער איך מיט זיי...

מיר האָבען געשניטען.

די האנט איז צום אָנהויב געוועזען אַהנמעכטיג,
דער גלאַנץ פון דער קאָסע — מיר צופיעל פארדעכטיג,
עס האָט זיך די פרייד מיט דער מורא געביטען, —
מיר האָבען געשניטען...

די יהודה בערג האָבען די זון נאָך געהאלטען
אין זיי'רע פארשלייערטע אָרעמס באהאלטען,
דער וועכטער האָט נאָך אויף זיין פערד אומגעריטען,—
מיר האָבען געשניטען...

געוועזען אין דעם מאָרגען א שפע פון ראָסע,
און נאָם איז געווארען די גלאנציגע קאָסע,
די פרייד איז געבליבען, די שרעק איז פארמיטען, —
מיר האָבען געשניטען...

און פרעהליכע זיינען געוועזען די לידער,
די זון קומט אלץ העכער, מיר ווערען אלץ מיעדער,
מיר זוכען א שאָטען פון זון זיך פארהיטען, —
מיר האָבען געשניטען...

אין דער פרית.

א׳

צעווײנט זיך ערגיץ וואו אַנ׳אײזעל,
הויבט א הונט וואו אָן צו וואָיען.
צינדט ווער אויף א בארג א פײער,
נעהמט אויף מאָרגען גרויען.

עפּענט ערגיץ זיך א טויער,
סקריפּעט ערגיץ וואו א וואָגען.
אײלט זיך אײנער אויף זיין כרם,
ווי עס נעהמט נאָר טאָגען.

פיהרט א פערדעל ווער צום ברונען,
שטעלט ווער אָן דעם אקער־אײזען.
קלײנע שלעפריגע תימנים
דאָ און דאָרט זיך ווײזען...

ב׳

ציהט א קאראוואן פון גמלים
אויף דעם וועג פון ים־המלח,
שטומע, שטרענגע בעדואינער
געהען נאך פאמעליך.

די גמלים, — אהן די גלעקער,
ס׳קענען הערען די חאיאלען,
ס׳איז דאס זאלץ פון ים גע׳גנב׳עט,
קען מען זיי באפאלען.

איינער וויל מיט צווייטען ריידען,
מוזען זיי זיך שטומע סוד׳ען,
און די זעקלעך אויף די קעמלען
הוידען זיך און הוידען...

פארנאכט.

א׳

קלינגט דער גלאק. דער טאג געענדיגט,
פיאַש און קוישעל — אויף די פלייצעס,
ווער עס אקערט — פערד און וואגען
און די לייצעס.

טיף דאס זאמד און אנגעגליהט,
טאפטשען זיך די פיס און בריהען,
מחנות אויסגעמאטערט מידע,
ציהען, ציהען.

הערט זיך שוין דאס ביטער קלאגען
פון די דורשטיגע שאקאלען,
וועכטער נעהמען די קעפיעס
און אגאלען.

הילען זיך אין די אבייעם
און שפאצירען שטאלצע, שעהנע,
פייפען שטיל דאס וועכטער־לידעל:
„בואי הנה"...

ענטפערט זיי א מיידעל־שטימע:
„שם שועלים", די שאקאלען,
האב איך מורא וועלען דורשטיג
מיך באפאלען...

ב׳

די אבייע איז א ברייטע,
שטארקע ארעמס האט דער וועכטער,
צאפלען הערצער פון די שעהנע,
יונגע טעכטער..

אפגעזונדערט שטעהט דאסביידעל
אויף דעם כרם אין דערווייטען,
איז א חיות אויף דעם פערדעל
אהין צו רייטען...

ס׳איז אזוי דארט גוט צו ליגען
אויף דעם שוים פון יונגען וועכטער,
ס׳קייקעלט הויך זיך איבער בערגער
זיין געלעכטער...

ג׳

אין דעם „קלוב״ איז היימיש, פרעהליך,
איינער זינגט דעם „יה חי לי־לי״
און א צווייטער בענקט פערטרויערט:
„הכניסיני״...

ס׳ווערט אלץ טונקעלער דער הימעל,
ס׳הויבט שוין אן דער טוי צו פאלען,
קלאגען ביטערער און בייזער
די שאקאלען...

נאכט.

א׳

שיפען שלאנגען, פייפען פויגלען,
שארט זיך עמיצער ביים טויער.
מיינט דער וועכטער ס׳איז א גנב,
שטרענגט ער אן אן אויער...

צעהלט ער איבער זיינע קוילען.
ציהט דעם מויזער פון דעם שיידעל,
ווייזט ארוים זיך, און געקומען
איז צו איהם א מיידעל...

איז איהר קאפטעל נאס פון ראסע,
קוקט זי, זוכט אויף אלע זייטען,
איז א רייטער, צי א שאטען
אויף דעם וועג פון ווייטען?...

טוליעט זי זיך אין זיין ארים:
כ׳בין צו דיר אהער געלאפען.
כ׳האב געשלייכט שטיל פון שטיבעל,
טאטע-מאמע שלאפען״...

ב'

שיסט מען ערגיץ אויף א כרם,
אײנע לויפֿן, צווייטע רייטן,
פֿרעגן אַלעמענס געזיכטער:
„וואָס זאָל עס באַטײטן?...“

האָט זיך ווער אהין פֿאַר'גנב'עט,
האַקט מען דאָרטן אויס די בוימער,
צי אַן אָנפֿאַל פֿון אַראַבער,
ווייסט עס נור דער שומר...

רייבט מען שוועבעלאַך און זוכט מען,
זעהט מען ברענענדיגע אויגן,
זיצט אַ דעבע אָנגעשראָקן
ביי אַ בוים געבויגן...

זינגט א בחור:

נאַכ'ן ביידעל, נאַכ'ן כרם
ציהט זיך ווייט א וועג,
כ'זאַטעל אַן מיין גוטע שקאפּע
און איך פאָהר אוועק...
אַה־אַה, אַה־אַה, אוועק...

ס'איז נאָך פריה, און אויף די פעלדער
ליעגט דער מאָרגענטוי.
שטילע מאָרגענס, גוטע מאָרגענס
האָב איך ליעב אזוי.
אַה־אַה, אַה־אַה, אזוי...

וואָס פערמאָג איך? — נאָר א מויזער
און א שאַרפע שווערד.
איבער בערג און איבער טאָלען,
יאָג זשע זיך, מיין פערד.
אַה־אַה, אַה־אַה, מיין פערד...

אויסגעקעמט האָב איך דיין גריווע
היינט אַזוי געטריי,
ביי'ם צופוסענס פונ'ם כרמל
אין גאַליל איז פריי,
אַה־אַה, אַה־אַה, איז פריי...

טרויער ניט, מיין ליעבע מיידעל
כ'קום דאָך גיך אַהער,
זאָלען נור די טרויבען ווערען
גרויס און ברוין און שווער,
אַה־אַה, אַה־אַה, און שווער...

דאָרטען אין גאַליל די פעלדער
זיינען איצטער גרין,
היטען ווייץ און היטען גערשטען
רופט מען מיך אַהין,
אַה־אַה, אַה־אַה, אַהין...

זינגט א מיידעל:

עס בליהט שוין איצט דער מאנדעלבוים
מיט שנייאיג־ווייסע בליטהען.
אין גאליל איז מיין געליבטער
אויף לאנג אוועקגעריטען.

עס שפראצען שוין די וויינשטאקען
מיט נאדלען דופטיג־גרינע,
עס טראגט איהם גיך דאס שקאפקעלע
אויף איהרע פיסלעך דינע.

דאס צוימעל איז א זילבערנעס,
פון רויטער וואהל די לייצעס,
דאס שקאפקעלע — גאלאפ אויף בערג
און טרייסעלט איהם די פלייצעס.

צופלאַטערט די קעפּיע זיך,
צושפּרייט זיך די אַבייע,
דאָס ווינטעל גנב'עט זיך אַריין
און גלעט איהם א מחיה.

פאַרטראָגט עס איהם די דופטען־שאַרף
פון מאַנדלען און פון שטאָקען,
און מיינט ער, אַז עס גלעטען איהם
מיינע שוואַרצע לאָקען...

תל־אביב.

איז קינדער־קעניגרייך.

ס'איז אַ לאַנד פאַראַנען
ביי דעם ים אויף זאַמד,
קיניגען די קינדער
איבער יענעם לאַנד.

האָט מען ימים־טובים
נאָר פאַר זיי געמאַכט,
שעהנע קינדער־שפּיעלען
האָט מען אויסגעטראַכט.

הערט מען אויף די גאַסען
קינדערשען געזאַנג,
קינדער — אויף די גאַסען
ווי דער טאָג איז לאַנג.

קינדער זיינען דאָרטען
טרייסטונג פאַר'ן לאַנד,
קינדער וועלען בויען
הייזער אויפ'ן זאַמד.

זעהט א גרויסער קינדער,
ווערט ער אזוי מילד,
און א שטילער שמייכעל
אויף די ליפען שפילט.

אין די אויגען זיינע —
האפנונגען פיל,
און די ליפען שעפטשען
הארציג אין דער שטיל:

— זאלט איהר, גוטע קינדער,
וואקסען יעדער יאהר,
אונזער טרייסט איז איינציג, —
נאר דער יונגער דור...

ווייסען יענע קינדער
וואס ביים פאלק הייסט גליק
און דאס לאנד צו בויען
חלום'ען זיי צ'ביק.

קיניגען די קינדער
אינ'ם לאנד אזוי,
גרויסע זיינען דארטען
דיענער נור ביי זיי...

א יום־טוב.

ס'איז א יום־טוב היינט אין תל־אביב,
זיינען קינדער פונ'ם לערנען פריי,
האָבען זיי דעם גאַנצען אין דער פריה
אומגעטאַנצט מיט א געזיינגעריי.

אַלטע האָבען זיי פון שלאָף געוועקט,
און די גרויסע זון געוויזען זיי,
און דערנאָך אַליין אוועק וואוהין
מיט א טאַנצען און מיט א געשריי...

און פון ערגעץ צווייגען־גרין געבראַכט,
„הרצליה" אויסגעפּוצט מיט זיי,
מגן־דוד'ס אויסגעפלאָכטען גרין,
אויפ'ן טויער — מגן־דוד'ס צוויי...

אויף די הייזער, צווייגענדיג בעציערט,
האָט א גאַנצען טאָג די זון געשיינט,
און דער ים, האָט רוהענדיג געברומט,—
ס'איז אין תל־אביב א יום־טוב היינט...

רעגען־ליעדער.

א געבעט.

ליעבער גאָט, גיב רעגען,
מאַך די פעלדער פייכט,
ווערט דער קאָרען ביליג,
לעבט זיך אזוי לייכט.

נעהמט דער וויינשטאָק גרינען,
וועלען טרויבען זיין,
טרויבען אויף צו עסען
און אויף גוטען וויין.

ווערט דער מאנדעל בליהען,
ווערען ווערט ער וויים,
ווערט מען מאנדלען קלייבען,
קלייבען זיי מיט פלייס.

גראָזען וועלען וואַקסען,
זאַט וועט זיין דאָס פערד,
רינדער וועלען פּאַשען
אויף דער גרינער ערד.

ליעבער גאָט, גיב רעגען,
וועט א שפע זיין,
וועט זיין פעטער קאָרען
און געשמאַקער וויין.

מיין גרוב איז טרוקען.

כ'לאז אראב אין גרוב דעם עמער
און איך ציה איהם לעער ארויס,
דארשטיג זיינען מיינע קינדער,
וואסער פעהלט ביי מיר אין הויז...

ס'טרוקענען די מאנדעל־בוימער
און די זאנגען אויפ'ן פעלד.
גאט האט היינטיגס יאהר דעם הימעל
מיט א קופער־דעק פארשטעלט.

קוק איך גאנצע טעג צום הימעל,
זוך א וואלקען דארט און דא,
שווינדען וואלקענס אויפ'ן הימעל
און קיין רעגען איז נישטא.

שיק איך א געבעט צום הימעל:
— שיק א רעגען מיר אראפ,
וועל איך הונגעריגע געבען
פון מיין פעלד דעם בעסטען סנאפ.

ס'וועלען פון מיין גרוב דאס וואסער
טרינקען וואנדערער אין וועג
און מיין טיר וועט בלייבען אפען
פאר די מיעדע גאנצע טעג...

ס׳רעגענט.

ס׳איז ביינאכט געווען דער הימעל
טיעף אזוי און בלוי,
און געלעגט האב איך זיך שלאפען
אין א סקירדע שטרוי...

איז מיר פלוצלינג קאלט געווארען,
פאלט שוין איצט דער טוי?
טיעפער האב איך זיך געטוליעט
אין דעם וייכען שטרוי...

ווער האט זיך געריכט אויף רעגען
אין א נאכט אזא,
בין איך איצטער נאס געווארען,
נאס, כא־כא, כא־כא...

בין איך פרעהליך פונ׳ם רעגען,
ס׳וועט א שפע זיין,
ווייץ און דורא — פון די פעלדער,
פון די גערטנער — וויין...

ס׳וועלען גרינע מאנדעלבוימער
ווערען ווייס ווי שניי,
אין „קעפיעס״ וועלען מיידלעך
קומען רייסען זיי...

קומען רייסען און די ליעדער
וועלען קלינגען ווייט, —
יונגע פערדלעך וועלען פיהרען
וועגען פול פערשייט...

רוה, מיין פערד.

רוה, מיין פערד, זיך אוים אין שטאל,
וואלגער זיך אויף ווארעם היי,
עס פון קאריטע געשמאק,
כ׳גיב דיר עסען היינט פאר צוויי...

כ׳קעם דיר היינט די גריווע אוים,
פלעכט דיר סטענגעלאך אריין,
שיכור בין איך, פערד מיינס, היינט
שיכור, שיכור, ניט פון וויין...

ס׳ווילט זיך זינגען א געזאנג,
קלאפ זשע צו צום טאקט, מיין פערד,
ביזט דאך קלוג, פערשטעהסט דאך ווי
ראשטיג ס׳איז געווען די ערד...

וואָלט ניט נאָך געווען אַצינד,
וואָלט איך אַנגעזאָגעלט דיך,
אַהן אַ לייץ און אַהן אַ צוים,
טראָג זיך יאָג זיך גיכער גיך...

און געטיאָכקעט וואָלט מיין הארץ,
טיאָך און טיאָך, פון גרויסער פרייד,
בוימער האָב איך שוין געפלאַנצט,
פעלדער האָב איך שוין פארזייהט...

טרויבענשניט.

א׳

שווערע טרויבען־ענגלען בויגען
ווייכע צווייגען צו דער ערד,
קומען מיידלעך מיט די שערען
און מען שערט.

איינס און צוויי — א פולער קוישעל,
לאדט מען אן א גרויסען וואגען.
נעהמט א בחור פעסט די לייצעס
און די פערדלאך יאגען...

איי, איהר מיידלעך, איהר בחורים,
שניידט די טרויבען, לאדט די וועגען,
זעהט די וואלקענס, נאך א חודש
און עס קומט דער רעגען...

ב׳

אנגעריסען הונדערט קוישען
פול מיט טרויבען זעפטיגע,
און געקלונגען אין דער לופטען
האבען שטימען קרעפטיגע.

יונגע ברוסטען, אומגעהילטע,
נאר אין העמדער לופטיגע,
מיידלעך, אין די האר פארפלאכטען
שטאקען־צווייגען דופטיגע.

און באלייט די פולע קוישען
האבען אויגען פריידיגע.
און נאך פלייסיגער ווי פריהער
אנגעפילט די ליידיגע.

איינגעשפּאַנט אין גרויסע וועגען
פערדלאַך, פּלינקע, רייציגע,
און געהאַלטען פעסט די לייצעס
בחורים ברייט־פּלייציגע.

טרויבען אָנגעפּאַקט דעם וואַגען,
וויאַ! און פערד דין־פיסיגע,
געהען לייכט זיך וויעגענדיג,
ווי אויף טייכען פליסיגע.

און פאַרנאַכט, די זון פאַרגאַנגען,
געהען אַלע, שטויביגע,
פון דער ארבייט אָבצורוהען,
זינגענדיגע, גלויביגע...

ג'

פון פריהמאָרגען ביז אין אָוונד,
קלינגען אויף דעם כרם ליעדער,
וועגען פולע צו דעם קעלטער,
ליידיג קומען ווידער...

ברוינע פרעהליכע געזיכטער,
שוואַרצע ברענענדיגע אויגען,
ווייט פערקאַשערטע די אַרבעל
ביז אין עלענבויגען...

אויף די קעפּ די ווייסע טולען,
שאַרען זיך ארוים די לאָקען,
פלאָנטערען זיך איין די לאָקען
צווישען טרויבען־שטאָקען...

ערשטע שעפסעלעך געבארען,
ערשטע וואהל נאר אבגעשארען.

צייטיג תבואה נאר געווארען,
קרויזיג גערשטען, רויטער קארען.

קופער־קירבעס, גרינע שויטען
און די „צאבערעס" פון פלויטען

און די איילבירטען פון צווייגען
און די זאפטיג־גרינע פייגען

און אין הארץ — א פריידיג גלויבען
און א הימעל־בלוי פון אויבען...

שווער איז אקערען און זייהען,
בעט מען גאט א ווינט זאל וועהען

און דאס הייסע פנים קיהלען,
מיט די האר פארשייט זיך שפיעלען...

און אַ רעגן אַ געשמאַקער
זאָל באַלייטן באַלד דעם אַקער,

און צוזאַמענגעוואַקסן אין באָדן ווערן
זאָל דער ערשט פאַרזייהטער קערן.

ס'זאָל די זון דעם באָדן זעטן
און געטריי די גרעזלעך גלעטן...

אָבער שווער פאַרזייהטע טאָלן
וועלן פאַר דער מיה באַצאָהלן.

און די תבואה וואַקסט אַלץ גרעסער,
דאַרף מען שאַרפן שוין דאָס מעסער.

און צוזאַמען מיט די זאַנגען
וואַקסט אין האַרצן פרייד געזאַנגען.

ווילט זיך קושן יעדן גערשטן,
ווען מען שניידט אָפּ צום ערשטן,

און אַ יום־טוב ווילט זיך מאַכן,
הויך און העכער פרעהליך לאַכן...

אזוי איז דער זומער פערגאַנגען.

דער גערשטען איז גאָלדיג און האָריג געוואָרען,
דער ווינט האָט געבויגען די קעפּלאך פון קאָרען,

די זון האָט געטריקענט דעם ווייץ אויף די זאַנגען,
אזוי איז דער קינדישער פריהלינג פארגאנגען...

די פויערען, אלע מיט זיי'רע געזינדען,
די שניטערס צום שניידען, די בינדערס צום בינדען,

און גרויס איז די שמחה פון פריהען באַגינען,
עס מישען זיך לידער מיט זשומען פון ביהנען...

פארנאַכט. אויף די פעלדער די שאָטענס צוצויגען,
און פארבעדיג שפּיעלט זיך א שטיק רעגענבויגען.

און וואָלקענדלאך ווייסע, ווי וואָלענס געשפּינען,
און ווייטער — א בלויער, א טונקעלער ברונען...

די פעלדער — צוּאקערט, די תבואה — אין שייער,
ביינאכט דארף מען וואַרעמען זיך ביי א פייער,

די ווינטען פארטראַגען דעם פויער'ס געזאַנגען, —
אזוי איז דער צייטיגער זומער פאַרגאַנגען...

ראש השנה לאילנות.

ניט פון אלטען יאהר חשבונות
דארף מען אונטערציהען,
נאר צום נייעם יאהר זיך גרייטען
ארבייטען און מיהען.

טרויבען פון פאר־יאהרען זיינען
לאנג שוין אויסגעטראטען,
און די וויינען אין די קעלטערם
האט מען שוין געזאטען.

ס'שפילען שוין די וויינען ערגיץ,
און די גלעזער שוימען,
עלענדע נשמות האבען
זיי געגעבען טרוימען...

אויף די גערטנער ווערט א לעבען
איצטער ניי־געבארען,
בוימער — נאקעט זיינען פלוצלינג
נאדעלדיג געווארען.

דורך דער קארע פון די שטאקען
רייסען זיך די צווייגען,
און די שטאקען, שווער און בייכיג,
איינגעהאלטען שווייגען...

יעדער בוימעל אינ'ם פרדס
וועט מאראנצען ברענגען,
גרויסע, גאלדענע מאראנצען
אויף די צווייגען הענגען.

און די ווייסע מאנדעלבליטהען
וועלען אראפפאלען:
און די גרינע מאנדלען וועלען
באדען זיך אין שטראהלען.

ראש השנה לאילנות,
בוימער נעהמען בליהען,
און עס נעהמען זיך די מענשען
ארבייטען און מיהען...

צווישען בערג.

א׳

שמאלע שטעגלעך צווישען פעלזען
און די בערגער העכער שטייגען,
ווילדע גראזען, קליינע בוימער,
זון און דארע צווייגען.

בריהט די זון און בריהען שטיינער,
ווערט אלץ הייסער, ווערט מען מידער,
זוכט מען שאטען רוהט מען ערגיץ
נעהט מען, געהט מען ווידער...

קומט פון ערגיץ אנ'אראבקע,
אויף דעם קאפ — א גרויסע דזשארע,
בעט מען וואסער: — „עה, חאוואדזשע,
פי מאסארי?...

שמאלע שטעגלאך צווישען פעלזען
און די בערגער העכער שטייגען,
ווילדע גראזען, קליינע בוימער,
זון און דארע צווייגען...

ב'

שטעהט א דערפעל אפגעזונדערט,
אויף א הויכען בארג אליין,
אויסגעוואקסען איז דאס דערפעל,
דוכט זיך, פון א שטיין...

שטעהט א בוים מיט ברייטע צווייגען,
איז דער שאטען א געדיכטער,
זיצט דער שייך און אלטע בלינדע,
ערנסט די געזיכטער...

קליינע קינדערלאך זיך שפיעלען
און א קעמעל בייסט די צווייגען,
ציהען די אראבער די נארגילעס,
שפייען אויס און שווייגען..

א מאָרגען.

כ'האָב געלאָזט זיך אין א מאָרגען
געהן דער זון אנטקעגען,
אַט אזוי, מיט גרויסע אויגען
איינער אויף די וועגען.

האָט די סאָווע נאָך געדרימעלט
דאָרטען ביי דעם בְרונען,
האָב איך נאָך דעם בלינדען מוילוואורף
גראָבען ערד געפונען.

האָט געהאַנגען אויף די צווייגען
גרויסע טראָפּענס ראָסע
און א פויער האָט געגענעצט,
שאַרפענדיג זיין קאָסע.

האט א מיידעל פיה געטריבען
צו דעם טייכעל האלב פערשלאפען.
און א פוקס האט זיך דערשראקען
און אויף גיך אנטלאפען.

האט די נאכט אין טאל געציטערט,
אין א ווינקעל זיך געטוליעט,
אויפ'ן בערגעל יונגע שעפסען
האבען פרעהליך אומגעהוליעט...

איהרע ליעדער.

א'

ווען איך האלץ אין וועלדעל האקען,
ווען איך לייהם ביים בערגעל גראבען,
וואסער פון דעם טייכעל שעפען,
ווען מיר א שטיבעל האבען.

פאר דעם שטיבעלע א פריזבע,
חנ'עוודיגע שייבעלאך,
ביי דער זייט א טויבענשלאג
און געפלעקטע טייבעלאך.

פערד און אקער־אייזען פיהרען
ווען מיר דער זון אנטקעגען,
ווען מיר די וואלקענס בעטען:
— גיט אונז, גוטע וואלקענס, רעגען.

וועלען אונז די וואָלקענס הערען,
וועלען מיר אהיים אנטלויפען,
ביי דעם פענסטערל זיך זעצען,
קוקען ווי געשווינד זיי לויפען...

וועלען הינדעלאך זיך טוליען,
נאַסע פעדערלאך פון רעגען...
— האָסט זיי היינט געגעבען עסען?...
וועל איך שטיל אזוי דיך פרעגען...

ווען דער גערשטען צייטיג ווערען,
וועט דער האָן פון שלאָף אונז וועקען,
וועלען מיר די סערפען שארפען
און די הינער איבערשרעקען.

ווען עס וועט פארנאכט דער הימעל
שפּילען זיך מיט טויזענד פארבען,
וועלען מיר זיך מיעדע לעגען
רוהען אויף די שווערע גארבען.

וועל איך דיר א ברכה שעפּטשען
אויפ'ן אויער שטילערהייט,
האָסט מיר אקערען געהאָלפען,
און דאָס פעלד מיט מיר געזייהט...

ב'

כ'האב א פולען הויף מיט הינער
און א שייער פול מיט קארען,
ווערען אלע יאהר אום פריהלינג,
קליינע הינדעלאך געבארען...

קוואקען אויפ'ן הויף די קוואטשקעס,
פאטשט דער האן מיט זיינע פליגעל,
לעקט די ציעג די ווייכע הערנער,
ביי איהר יונג געפלעקטען ציעגעל...

ווי עס הויבט נור אן צו טאגען,
נעהמסטו אן א פארטוך פראסע,
רופסטו „ציפ־ציפ" צו די הינער
און איך שארף ביים זייט די קאסע...

„ציפ־ציפ, ציפ־ציפ" און די הינער,
ראשענדיג די קערנער פיקען,
וועט אונז גאט נאך היינט צי מארגען
מיט א קעלבעלע באגליקען...

שמייכעלסטו צו מיר פון ווייטען,
קיין בייז אויג, אזוי פיעל הינער,
איז נאך תבואה דא אין שייער
און דער בארג איז שוין א גרינער...

ג׳

אויסגעוואשען די לאַדישעם
און די קוה שוין אויסגעמאַלקען,
טרייב אריין אין שטאַל די עופות,
זעהסט, עס קומט א שווערער וואָלקען...

כ׳בין פון פעלד אויף גיך אנטלאָפען,
כ׳האָב דעם אָקער דאָרט געלאָזען,
וויעגען כוואַליענדיג זיך זאַנגען
און עס ציטערען די גראָזען...

און דאָס פערד שטרענגט אָן דעם אויער,
עפענט ברייט די שוואַרצע אויגען
אויף דער האַלב פון קליינעם טייכעל
ליעגט א שאָטען אויסגעצויגען...

כאַפּט א שטרויעלע דער שטורעם
און דעם גרויען שטויב פון וועגען, —
יונגע קעלבעלאך און שעפּסען
האָבען מורא פאַר׳ן רעגען...

א׳

ס׳ברומט דער ים אַן אַלטען נגון,
וואַשענדיג די יפו׳ר ברעגען,
וואָלט איך דאָ אין זאַמד געלעגען
און דאָס ברומען זאָל מיך וויעגען.

ליוליען, ליוליען און פאַרליוליען,
און די אויגען האַלב פערמאַכען.
זילבער־כוואַליעס וועלען לאַכען,
און ווי קינדער זיך צוהוליען.

ס׳קלינגען, קלינגען און פאַרקלינגען
אין דערווייטען קעמעל־גלאָקען.
וואַסער־פויגלען, אַנגעשראָקען,
דרעהען זיך אין ווילדע ריגגען...

ווייסע פליענלען ראַשען ראַשיג.
אַך, וואָס אַרט מיך זייער ציטער?...
איך האָב ליעב דאָס ים געוויטער,
און דעם הימעל, גרוי און אַשיג...

שוימיג שווימען גרויע קאַמען,
כוואַליעס וואַרפען זיך און קראַכען,
און מיר ווילט זיך הילכיג לאַכען,
ווייל כ'האָב ליעב דעם כעס פון ים'ען...

איך האָב ליעב אַ לייב צו רייצען
און דערצערנען אַ פּאַנטערע,
כמאַרעס פינסטערע און שווערע
און דעם שטורעמס ווילדע פלייצען...

ב׳

איין אליין ביים ברעג געזעסען
איינגעהילט אין נאכט־טומאן.
פון דער נאכט האט זיך געצויגען
א פארוויגטער קאראוואן...

פונ׳ם ים געריייצט, געוואונקען
האט א פייער רויטליך־גרין:
לענדער זיינען וואו פארגאנגען,
שיפען ברענגען דיך אהין...

רוהיג, ווי די טריט פון דורות,
האט דער קאראוואן געשפאנט,
ריטמיש אינ׳ם זאמד געטיאפקעט:
..האסט נור איין און איינציג לאנד"...

אונזערע פעלדער און וועלדער.

אנד'רע פעלקער האבען וועלדער,
מיר — נאר יונגע בוימער;
יענע וועלדער היטען זעלנער,
אונז'רע היט דער שומר...

יענע וועלדער זיינען אלטע,
ברייטע צווייגען־קרוינען;
אונטער די געדיכטע צווייגען
ווילדע חיות וואוינען...

ס'קען די זון אהין ניט שיקען
איהרם א שטראהל א שטיפער;
און געדיכטער ווערען שאטענס
אינ'ם וואלד וואס טיעפער...

אונז׳רע זיינען זון באַגאָסען,
שלינגען דורשטיג שטראַהלען:
אין דער ערד די יונגע וואַרצלען
זוכען וואַסער קוואַלען...

און מיר פרעהען זיך ווי קינדער,
ווען א צווייג ווערט גרעסער:
ווען די יונגע גרינע פרוכטען
שניידט צום ערשט דאָס מעסער...

יענע וועלדער זיינען מיילען,
אונז׳רע זיינען שפּאַנען,
אָבער האָפענונג און ליעבע
איז אין זיי פאַראַנען...

זיי דאַרפֿען דיין חסד.

די פעלדער וואָס ווערען פון אידען געאַקערט
אין ווייטען אין זוניגען לאַנד,
זאָלסט גאָט אויף זיי שיקען דיין שפע און ברכה,
ניט אָפּטון דיין גנאָדיגע האַנט...

זאָלסט שיקען אום זומער אין יעדען פריהמאָרגען
גערדיכטען און שנייאיגען טוי:
די בוימעלאַך זיינען דאָרט יונגע און ווייכע
און בענקען נאָך ראָסע אזוי...

זאָלסט שיקען דעם ערשטען, דעם זאַטיגען רעגען,
ווען ווינטער באַווייזט זיך אין לאַנד:
די פעלדער צואַקערט זיי וואַרטען אויף רעגען,
שיק, גאָט, מיט דיין גנאָדיגער האַנט...

אין פריהלינג, ווען ס'שפראָצען די שטאָקען און מאַנדלען,
דעם שפריירענען שיק אין דער צייט:
דעם היישעריק זאָלסטו פון אידישע פעלדער
פערטרייבען אויף לאנג און אויף וויט...

די פעלדער, וואָס ווערען פון אידען געאקערט
זיי דארפען דיין הארציג גענאָד:
פארגעם ניט אז בוימעלאך זיינען ווי קינדער,
און דארפען דיין חסד, מיין גאָט...

גִּלְעָדִי

א׳

גרויע בערג און גרינע טאלען,
שמאלע, שטעכעדיגע וועגן,
ליגט כאדידע וויט פון ישוב,
איינגעשלאפען אין א בישוף.

קליינע ליימעדיגע שטיבלעך,
קיילעכדיגע פענסטער־לעכער,
ווייסע שטיינערדיגע טוירען
פון די דעכער העכער.

שמוציג ענגע, שמאָלע געסלעך,
בערגלעך מיסט אויף אַלע עקען,
אויסגעדארטע הינט, וואָס שרעקען
מיט די הונגעריגע אויגען.

קליינע קינדערלעך, האַלב נאַקעט,
שפּילען זיך אין מיסט און ראַיען:
רייצען זיי די הינט מיט שטיינער,
ווײַנען זיי און וואַיען...

און אַראַבקעס, קליין־פּאַרדאַרטע,
שטאָלצע קעפּ און גלײַכע רוקנס,
טראָגן וואַסער אין די דזשאַרעס
פון די נאָהענטע באַיאַרעס.

פּאַטשען קינדער אין די הענטלעך,
טאַנצען פרעהליך: „מאַיע, מאַיע...“
שלינגען הינט דאָס אייגענע שפּײַעכץ,
אויסגעמאָגערטע און גרויע...

ב׳

קריפּעלט זיך אנ׳איילבירט בוימעל,
שפּרייט ארום א קליינעם שאָטען,
פליישעדיגע שווארצע בלעטלעך,
פון דער זון ווי אָפּגעבראָטען.

דאָ א פעלז, א גרויער, קרומער,
דאָרט א בארג, א הויכער שטומער,
רויטע בלימלעך, ווילדע גראָזען,
לויפען דאָרטען אום צולאָזען

יונגע שעפּסעלעך, און אלטע,
האלב-מיושב׳דיגע, קאלטע,
פוילע, מידע אָפּגעלאָזען,
בייסען זיי די ווילדע גראָזען.

און דער פּאָסטוף ליגט צוצויגנע,
האַלב פֿערזשמורעט זיינע אויגנע,
ביי דער זייט אַ לאַנגער שטעקן
הינט צי דעבעם אַנצושרעקן.

קומט דער אָווענד אין כּאַדידע,
קומען אַלע, קומען מידע,
אָבגעברענטע מידע, ברוינע,
קומען אַלע אָן אַזוינע.

די וואָס קומען פֿון דער ווייטן,
מוזען זיי אויף אייזלען רייטן:
מיט דעם אָווענד אין כּאַדידע,
קומען אַלע, שטויביג מידע...

ג׳

שטעהט אנ׳אלטער בוים. צוואוואקסען
זיינען זיינע קרומע צווייגען,
זיצען דארטען די אראבער
אנגעשפארט ביים בוים און שווייגען.

ווער עס זופט זיין שווארצע קאווע,
זופט און רויכערט זיין נארגילע,
ווער עס קלאפט אן דר׳ערד זיין שטערען,
קלאפט און ברענגט פאר גאט זיין תפלה.

ווערט דער אווענד טונקלער, קיהלער,
קומט א ווינטעלע פון צפון,
הויקערט מען זיך איין אין דרייען,
גערט מען אין די שטיבלעך שלאפען.

הויבט דער טוי שוין אָן צו פֿאַלן,
אַ געדיכטער, נאַסער טוי,
פֿאַלט ער אויף די בערג און טאָלן,
ווערט דעם פֿאַסטוך קאַלט אַזוי.

קלויבט ער אָן די דאַרע גראָזן,
נעהמט ער זיך אַ פֿייער לעגן, —
הערט דאָס קלינגען זיך פֿון גלעקער,
שפּאַנען קעמלען אויף די וועגן.

קלינגען גלעקער. בעדואינער
נעהמען איינציגווייז זיך ווייזן,
קומען פֿעסט־געבויטע יונגע,
קומען גרויע שטאַלצע גרייזן.

זעצט מען זיך אַרום דעם פֿייער,
לאָזט מען זיך די קעמלען פּאַשען,
וועקען זיך די שאָף פֿון דרימעל,
שרעקען זיך און ראַשען.

זעצט מען זיך אַרום דעם פֿייער,
וואַרעמט מען זיך אָן די גלידער,
הויבען יונגע אָן צו זינגען,
הויבען אָן צו זינגען ליעדער.

זינגען זיי פון זייער שבט,
זינגען זיי פון זיין נצחון,
שונאים האָט ער בייגעקומען,
שונאים האָט ער איינגעבראָכען...

זיינען אַלטע ניט צופרידען,
בעסער עפּעס זיך דערצעהלען, —
קיהלער ווערט די נאַכט און ס'קומען
די שאַקאַלען פון די היילען...

רוקט אַנ'אַלטער זיך צום פייער,
רוקט אין פייער זיינע הענט,
איז זיין פּנים איינגעקאַרטשעט
און זיין שטערען געל־פאַרברענט.

נעהמט ער עפּעס שטיל צו מורמלען,
ווערען אַלע באַלד אַנשוויגען,
הערט זיך נאָר שאַקאַלען וואָיען
און דאָס טאַנצען פון די ציגען...

ד׳

לעבט אזוי באדידע יאָהרען,
ווייט פון מענשען, ווייט פון ישוב,
ציהען זיך די טעג און יאָהרען,
ציהען זיך ווי אין אַ כשוף.

שטארבען אלטע צווישען בערג דאָ,
יונגע ווערען דאָ געבאָרען,
וואקסט דער בוים און אויף דאָס בערגעל
פון דעם מיסט וואקסט מיט די יאָהרען...

ה'

דאַרט, צופוסענס פון כאַדידע,
שפּרייט זיך אוים אַ טאָל אַ ווייטער,
זיינען זיינע וועגען וויסטע,
ווייזט זיך זעלטען דאָרט אַ רייטער.

ווינטער — רויטע בלימעלעך צושאָטען,
זומער — גרוי־פאַרדאַרטע גראָזען,
ווינטער — שפּע'דיגע רעגענס,
זומער — מדבר־ווינטען בלאָזען.

זאַמדיג־הויכע בערג פון ווייטען
און פון ים דאָס שטילע ברומען,
אויף אַ בוים מיט ווילדע עפּעל,
בייזע ווילדע ביהנען זשומען.

ס'האָט די מיידעל־ערד דער אַקער
ניט געשניטען שוין פון יאָהרען,
האַרט און שטיינערדיג דער באָדען
פון דעם בליהענדיגען שרון.

דאָרט, צופוסענס פון כאַדידע
האָט א ביידעל ווער געבויט,
איז אַמין פאַרנאַכט געקומען
און א סוד ביים בוים פאַרטרויט.

האָבען אַלע זיך דערשראָקען
און א לאַנגע צייט געשוויגען,
ס'האָט זיך נאָר געהערט פון ווייטען
ווי עס טאַנצען אום די ציגען...

און אַמין האָט זיך געשוואָרען
ביי די אייזלען און די רינדער,
ביי זיין ליעבסטער פרוי זאַריפאַ
און ביי איהרע זיבען קינדער, —

אַז אין טאָל דאָרט ביי כאַדידע,
זיינען פרעמדע אָנגעקומען
בויען ביידלעך זיי און האָבען
זיך שוין אַקערען גענומען.

און דער אַקער איז אַ גרויסער,
שניידט ער אויף די ערד אינגאַנצען,
גלאַנצט דאָס אייזען פון די פיאַשען,
גראָבען גריבער זיי צום פלאַנצען...

אבדאַלאַ, אַן׳אַלטער בלינדער,
האָט צום הימעל אויפגעהויבען
זיינע האַלב־פארמאַכטע אויגען
און מיט שטילען פרומען גלויבען

האָט ער תפלה׳דיג געמורמעלט
אָפּגעהאַקטע האַלבע ווערטער,
און געבליבען איז ער פלוצלינג
אַ פארשטומטער, אַ פארקלערטער.

האָט ער ציטערדיג זיין שטעקען
אין דער האַנט דערנאָך גענומען
און געקוקט מיט בלינדע אויגען
וויִיט אַהין, וואוהין געקומען

זיינען יענע פרעמדע מענשען
און געשטערט דעם ווילדען כשוף
פון די גרויע דערנער־פעלדער
און געבויעט דאָ אַ ישוב...

װעה איז אונז, אז אויסגעגאָסען
האָט אַלאַה אויף אונז זיין צאָרען,
װעה איז אונזער װײב און קינדער,
װעה און װעה איז אונז געװאָרען...

אבדאַלאַ האָט דאָן בעשװאָרען
אַלע פרומע מוסולמענער,
שװערד און „דזיפּט" ניט אַבצולעגען,
קומען װעט אין גהינום יענער,

װעמעס האַרץ עס װעט אַ פּחד
פאַר די פרעמדע מענשען פאַנגען...
האָט ער זיי אַזוי באַשװאָרען
און אַ שטומער אָפּגעגאַנגען...

ו׳

א באַראַק פֿון ווייסע ברעטער,
אַנגעשטאָפּטע זעק מיט שטרוי,
גייט מען אַף אַ טאָג ביים אַקער,
קומט מען מידע אַן אַזוי.

קלייבט מען צווייגען אַן און גראָזען
און אַ פֿייער לייגט מען פֿרעהליך,
איינער זינגט פֿערבענקט אַ ניגון,
זינגט און דרימעלט איין פּאַמעליך.

קוקט אַ צווייטער אויפֿ׳ן הימעל,
צעהלט די שמייכלענדיגע שטערן
און די שטערן אינ׳ם הימעל
איינגעגראָבען טיפֿער ווערען...

פֿערד, צו בוימער צוגעבונדען,
קייען הויך געשמאַק דעם גערשטען,
זאַטעלט אַן דאָס פֿערד גלעדי,
פֿאָהרט אויף וואַך אַרויס צום ערשטען.

פאָהרט גלעדי אויף די פעלדער,
פאָהרט ער טריט אַזוי ביי טריט,
לאָזט ער פריי דעם פערד די לייצעס,
זינגט זיך אונטער שטיל אַ ליעד.

שטילערהייט פערבענקט אַ ניגון,
און די נאַכט איז שטיל און ווייך,
ווייט דער באַרג איז בלוי־פאַרשלייערט,
שטעהט אַ פעלז נאָר שטום און בלייך.

זעהט ער: פעלדער טיף צואַקערט,
דאָ און דאָרטען הרודעם ערד,
ס'איז דער באָדען ווייך און זאַמדיג,
זינקען טיף די פיס פון פערד.

טראַכט ער: דאָ איז שטיין געוועזען,
דאָרטען דערנער גרוי און ווילד,
ס'האָבען זיך אַמאָל די דעבעס
דאָ אינמיטען טאָג געשפּילט.

ס'האָבען פערד דאָ שווער געסאַפּעט,
ס'האָט געקרעכצט דער אַקער דאָ
און געגאַנגען זיינען מענשען
ביי דעם אַקער שעה נאָך שעה.

שלאָגט זיך אָן אויף שטיין דאָס מעסער,
און דער אַקער שפּרינגט אַוועק.
טרעפט א שטיין די פערד אין רוקען,
לויפען זיי אין איינע שרעק...

לויפט זיי נאָך דער מענש דערשראָקען,
ציהט די לייצעס הין און הער,
פערד און מענש, מיט גרויסע אויגען,
ביידע אָטעמען זיי שווער...

פערד און מענש, ווי ס'נעהמט נאָר טאָגען,
בערג אין נעבלען נאָך פארהילט,
ס'איז די שלאַנג נאָך האַלב־פאַרגליווערט
און די קוקו שפּילט נאָך שפּילט, —

שפּאַנען זיי זיך איין אין אַקער,
הינטען מענשען און פאָרענט פערד,
טריט נאָך טריט אַזוי פּאַמעליך
שניידען זיי די ווילדע ערד.

טריט נאָך טריט אַזוי פּאַמעליך,
אויף די פערד א ווייסער שוים
און דער מענש, מיט שוויים באַגאָסען,
נאָך דעם אַקער געהט נאָך קוים...

ז׳

רייט גלעדי איבער פעלדער
און די נאכט איז טיף און ווייט,
ערגיץ הערט ער פרעהלעך הירזשען,
ס׳לויפט א לאשעקעל פערשייט.

זעהט ער, בוימער קליין געוואקסען,
פון דער ערד זיי קוים צו זעהן,
ס׳קוקען צווייגעלעך דערשראקען
פול מיט קינדערישען חן...

טראכט ער: ס׳וועלען דא די מאנדלען
ווייס און שנייאידיג צובליהן,
און די בליטען וועלען פאלען,
וועלען מאנדלען בלייבען גרין.

גרינע מאנדלען, גרינע בלעטער
און די נאכט האט סודות פיל,
קען מען וויסען צי א פויגעל,
צי א גנב שארט זיך שטיל?

קען מען וויסען צי די בלעטער
שורשען פונ׳ם נאכטיג־ווינט?
ס׳נארט דאך אפ די נאכט א יעדען
ווער עס גלויבט איהר ווי א קינד...

רייט ער ווייטער. פעלדער וויסטע,
ניט געאקערט, ניט געזייהט,
און קיין מענשען־פוס געטראטען,
האבען ווייט זיך אויסגעשפרייט.

און עס דוכט זיך איהם דער באדען
עפעס מאנט, אויף עפעסווארט,
עמיץ האט פארשעמט דעם באדען,
עמיץ האט איהם אפגענארט.

עמיץ האט פארשעמט א מוטער,
פון איהר מוטערשאפט בערויבט,
אין זי האט דאך אין דעם עמיץ
אזוי אמת׳דיג געגלויבט.

איהרע קינדערלעכ'ס נשמות
שוועבען אום פארשטויסען וואו
און די אבגענארטע מוטער
קען זיך ניט געפינען רוה.

הערט גלעדי אין דעם אטעם
פון דער שטילער וויטער נאכט,
ווי די וויסטע ערד זאל פרעגען:
„האסטו עמיצען געבראכט?..."

עמיצען מיט יונגע כוחות
און מיט ווילען אייזען־שטארק,
וואס מיין טאל זאל ער פארזייהען
און פארפלאנצען זאל מיין בארג...

מיינע תבואות, מיינע פרוכטען
וועלען זיין א יענעמ'ס לוין,
אויף זיין קומען מיך בעלעבען
ווארט איך דורות לאנגע שוין...

ח'

ס'איז דער פריהלינג אנגעקומען
און די נייע קאלאני
האט באגעגענט זיינע זונען
מיט איהר שווערער מיה...

זונען שיינען ניט פאר מענשען,
ברענגען זיי נאר פוסטע פרייד,
פאר די מילדע פריהלינגס־זונען
דארף די ערד זיין צוגעגרייט.

פעלדער דארפען זיין צואקערט
און פיאשירט א יעדער בוים,
שווערע ארבייט פון באגינען
ווי עס ווייזט די זון זיך קוים.

פאלט א שטראהל אין ווייכען בארען,
דארף ער פאלען ניט אומזיסט,
ס'בלייבען דאך פארשעמט די שטראהלען
אויף דער ערד וואס איז פארוויסט...

ס'דארף א יעדער שטראהל פארשטארקען
יונגע ווארצלען אין דער ערד,
יעדער זאמען פון די תבואות
בייכיג און צושפאלטען ווערט...

האט מען פעלדער אויפגעאקערט
און פארזייהט דאס ווינטער־ברויט,
און דערביי דאס ליים געקנאטען
און די שטיבלעך זיך געבויט...

איינס נאך איינעם און צופוסענס
פון כאדידע איז א גאס
אויסגעוואקסען און געטריבען
פונ'ם שטיינער־דערפעל שפאס.

ס'האט ארויפגעקוקט מיט חוצפה
צו דעם בארג די קאלאני,
דארטען — ענגשאפט, מיסט און דערנער,
דא — די ברכה פון דער מיה...

ט׳

ווער האָט היינט ביינאַכט צוגראָבען
די טאַבאַרעס פונ׳ם טאָל,
און ווער האָט עס אויסגעשאָסען
איינס נאָך איינעם זיבען מאָל?...

ס׳וועט אונז דאָ דער באָדען קאָסטען
ניט נאָר שוויים נאָר אויך׳עט בלוט,
אָבער שווערען מיר צו צאָהלען
בלוט פאַר בלוט...

און גלעדי האָט געפּערערט
אויף דער וואַך אַ יעדע נאַכט,
אָבער דאָ און דאָרט אַ גנבה
האָט זיך אַלע נאַכט געמאַכט.

האָט ער זיך אַמאָל באַהאַלטען
צווישען צווייגען יונג און גרין
און פאַר איהם איז אויסגעוואַקסען
אַ פאַרקליידעטער שייך אַמין.

מיט אַ זאַק אונטער'ן אָרעם
און אַ מעסער אין די הענט,
אין גלעדי'ן האָט דער צאָרען
ווי אַ פייער זיך צוברענט.

שטיל האָט ער זיך פון די צווייגען
אויפ'ן וועג אַרויסגעשאַרט,
און אַמינ'ען מיט'ן מויזער
האָט ער באַלד דעם וועג פאַרשפּאַרט.

— ס'וועט מיין קויל, דו שוואַכער גנב,
דור'כלעכערען דיין ברוסט...
און אַמין האָט שטיל געשמייכעלט:
— אָ, דו האָסט צו קעמפּפען לוסט...

היציג ביזטו ווי דיין שקאַפּע,
ווי אויף איהר ברענט אויף דיין הויט,
זאָל פאַרשעלטען דעם דער נביא
ווער עס וויל דיין טויט...

שכנים זיינען מיר, אין פרידען
וועלען מיר זיך לעבען דא.
ס'איז ביי גאָט פאר אלע מענשען
זון און גוטער רעגען דאָ...

— יאָ, איך וויים אז זון און רעגען
איז פאר יעדערען פאראן,
אבער מיה קאָסט אונז דער באָדען,
שווערע מיה אויף יעדען שפאן.

און געדענק אויך אז מיין מויזער
איז באשאפען נאָר דערצו,
אז א הונט זאָל יענער פאלען
ווער ס'וועט שטערען אונזער רוה...

און אמין האָט שטיל געציטערט:
— זיי געבענשט און אויך דיין פערד
און אלאה זאָל אויב'עט בענשען
אלע פרוכטען פון דיין ערד...

קום, מיר וועלען זיך פארוועטען
יאָגען זיך אויף פאנטאזי,
אָט, איך זעה אז ביי דיין שקאפּע
ציטערט שוואך די רעכטע קניה...

י׳

פאנטאזי איז אין כאַרידע,
קומען רייטער אָן אהער,
רייטער פון די ווייטסטע דערפער,
אויף גלעדי קומט אהער.

קוקען אַלע אויף גלעדי׳ן:
ער איז דאָ א פרעמדער גאַר,
ס׳איז זיין הויט א זוניג ווייסע
און קאַשטאַנע זיינע האָר...

און אַמין איז אויך געקומען,
אויף זיין שקאַפּע זיצט ער ברייט,
קוקט פון ווייטען אויף גלעדי׳ן
און ער שמייכעלט שטילערהייט.

— נו, וואָס דענקסטו, דו כאָוואַרזשע,
ועסט זיך וועטען אין געיעג,
וועט דיין שקאַפּע ניט פאַרבלייבען,
יאָגענדיג, אינמיטען וועג?

— א, מיין שקאַפּע, זעהסטו ציטערט
און עס ברענט אויף איהר די הויט,
וועט זי דיך ניט איבעריאָגען
וואַרט אויף איהר א גרינגער טויט...

יא׳

איי, דו באראבאנער,
קלאפ אין באראבאן,
זאלען אלע קומען
ווער ס׳איז נאר פאראן...

ס׳יאגט זיך היינט גלעדי
מיט דעם שייך אמין,
איי, דו באראבאנער,
זעה ווי פלינק זיי פליהן...

זעה דעם שטויב פון ווייטען
ווי א גרויער רויך,
איי, דו באראבאנער,
באראבאנע הויך...

איי, דו באַראַבאַנער,
גיב זיי אונטער מוטה,
ביי די פערד צוואָווארעם
זייער זודיג בלוט...

איי, דו באַראַבאַנער,
קלאַפּ אין באַראַבאַן,
ס׳האָט גלעדי׳ס שקאַפּע
אויסגעיאָגט א שפּאַן...

איי, דו באַראַבאַנער,
קלאַפּ, די פרייד איז גרויס,
ס׳יאָגט גלעדי׳ס שקאַפּע
ווייט שוין ווייט פאַראויס...

איי, דו באַראַבאַנער,
זאָג די בשורה אַן,
ס׳האָט די קאַלאַני היינט
איינגעשטעלט אין קאַן

ניט אליין דעם כבוד,
נאָר דאָס לעבען אויך,
איי, דו באַראַבאַנער,
באַראַבאַנע הויך...

אָראבישע מאָטיוון

כ'האָב געפּעדערט זיך באַגינען
אַנטרינקען די שאָף:
ס'האָט ערשט אויפגעוואַכט דאָס קעמל
פון'ם שווערען שלאָף.

און ביים גרויען ברונען האָב איך
שוין געטראָפען זי.
פרעג איך: ווען ביזטו געשלאָפען?
ס'איז נאָך אַזוי פריה.

ענטפערט זי: די נאכט איז גרויס,
קאלט די ערד און הארט:
בין איך דא אהער געקומען
און אויף דיר געווארט.

זעה איך, איהרע האר, זיי זיינען
נאס פון קאלטען טוי,
טוט מיר וועה דאס הארץ אויף איהר
טוט עס וועה אזוי.

זאג איך איהר: עס איז דיין טאטע
אזוי בייז און שלעכט
און דו ווייסט דאך, אז א פלינקער
איז ער אין געפעכט...

איך בין נאר ביי איהם א פאסטוך,
ווער איז צו איהם גלייך?
ער האט קעמלען, שאף און רינדער
און איז אזוי רייך.

ציטערט און זאגט דערשראקען:
כ'ליעב דיך דאך אזוי!
ווי קען איך אבדולאה'ן ליעבען,
ער איז אלט און גרוי?

אויב דו דענקסט איך בין א שוואכער,
כ׳קען קיין שווערד אין האנט ניט האלטען,
פרעג זשע וויפיעל קעפ איך האב שוין
מיט מיין שווערד אויף צוויי געשפאלטען.
זאג, פאר וואס דו ליעבסט מיך ניט,
זאג, פאר וואס דו ווילסט מיך ניט.

אויב דו דענקסט איך קען ניט רייטען,
כ׳האב קיין שטיוועל און קיין שפארען,
בין איך דאך אויף פאנטאזיעס,
לאנג שוין, לאנג באוואוסט געווארען. —
זאג, פארוואס דו ליעבסט מיך ניט,
זאג, פארוואס דו ווילסט מיך ניט.

אויב דו דענקסט, אז איך בין ארעם,
אז איך האב ניט קיין טאבונעז,
ווערסטו זעהן דעם שטוב פון ווייטען
ווען זיי געהען צו דעם ברונען. —
זאג פאר וואס דו ליעבסט מיך ניט,
זאג, פאר וואס דו ווילסט מיך ניט.

זאגט מען דיר איך בין אן אלטער —
שלעכטע קענען אלעם זאגען, —
זיץ איך שטאלץ נאך אויף מיין שקאפע,
קען איך יונגע איבעריאגען. —
זאג פארוואס דו ליעבסט מיך ניט,
זאג, פאר וואס דו ווילסט מיך ניט.

דריי טויטען.

ווער עס שטאַרבט פון שוואַכער עלטער,
אויסגעמאַטערט בלינד, —
ווייל אויף איהם אַלאַה ניט קוקען:
ס'שטאַרבען אויך דאָך היינט...

שטאַרבט א צווייטער ווי א גבור,
פאַלט ער אין א שלאַכט, —
קוקט אויף איהם אַלאַה א מילדער,
שמייכעלט ער פאַרטראַכט...

ווערט א האַרץ פאַרברענט פון ליעבע,
שטאַרבט ער יונג אַוועק, —
מאַכט אַלאַה פאַר איהם א וואַרע,
מאַכט א ברייטען וועג...

קומט אַלאַה צו איהם אנטקעגנען,
טרויעריג איז ער,
הערט ער ווי די מענשען ליעבען,
לאָזט ער שטיל אַ טרעהר...

ווייגען דאָרטען די קדושים,
ליעבע איז דאָך גרויס,
זיינען הייליג די וואָס שטארבען
אויף דער ליעבסטער'ס שויס...

חלומות.

וואו ביזטו מיין ליעבסטער געוועזען די נאכט?
עס זיינען צושויבערט אזוי דיינע האר,
און שווער און פארנעבעלט ביי דיר איז דער בליק,
דער בליק וואס באשטענדיג געוועזען איז קלאר...

ארויף אויפ'ן בערגעל מיט מיר קום אהין,
און וועל איך באהאלטען מיין קאפ אין דיין שויס,
די זון וועט אונז ווארעמען דארט אזוי גוט,
דארט וועל איך דיר ווייזען דאס געטליכע הויז...

אהין האט די נאכט מיך מיין חלום געבראכט,
און דארט איז א ווינקעל פאראנגען אזא,
וואו גאלדענע גערטענער ציהען זיך ווייט,
שפאצירט דארט דער נביא ארום מיט אלאה...

און ליכטיג איז דאָרטען בייטאָג און ביינאַכט.
די זון איז דאָרט גרעסער פיעל טויזענדער מאָל,
און הייליגע לערנען קאַראַן אויפ'ן בארג,
א קלאָר־גאָלדען טייכעל פליסט רוהיג אין טאָל...

און האָבען מיך אלע באַגעגענט מיט פרייד:
— ווי קומסטו אהערצו צו אונז, אבדאַלאַ,
צי האָסטו פאַרלאָזען די זינדיגע ערד,
און ס'האָט דיך גערופען צו אונז שוין אַלאַה?

נאַ, נעהם א קאַראַן דיר מיט טאָוולען פון גאָלד,
און לערען און לערען בייטאָג און ביינאַכט...
דער מאָרגען געקומען,
איך האָב פון מיין גליקליכען חלום ערוואַכט...

דער קאָפּ איז ביי דיר אזוי פייערדיג היים,
נו, טוליע זיך, טוליע זיך איין אין מיין שוים.
ביינאַכט ביזטו נור אין דיין חלום געוועזן,
איצט ביזטו אין אמת'ען געטליכען הויז...

נאַכטיג גליק.

נאַכט, זיי לאַנג,
מאָרגענשטערן, געה ניט אויף!
פינסטער זאָל
דרייסען זיין אזוי אַהן סוף...

בייזער ווינט,
מיינער איז ער היינט ביינאַכט,
שטורעם האָט
מיר דאָס גליק אין הויז געבראַכט...

שווער איך אייך,
פלעטען וועל איך יענעם האָהן,
וועלכער וועט
זאָגען, אז דער טאָג קומט אָן...

שטילער שלאָף,
שטאַרקער דריק צו מיר זיך צו,
נאָר ביי מיר
וועסטו היינט געפינען רוה...

כ'האָב גאָט'ס הייליג הויז באטראַטען,
גרויע טויבען דאָרט געפונען !...
ס'וועלען פאלען מיינע קעמלען,
טריקענע מיין ברונען.

מיינע פיס האָב איך געוואשען
און געהייליגט זיי,
וואָס־זשע וואָרקען דאָרט די טויבען,
סטראַשען מיך אַזוי ?...

אויב איך האָב אַמאָל געזינדיגט,
קלאַפּ איך דאָך מיין שטערען,
פאַר אַללאַה און פאַר זיין נביא
גים איך הייסע טרערען.

פאנטאזי.

פאַנטאַזי איז היינט אין ראַמלע,
שעהנסטע פערד און בעסטע רייטער:
וועט בעקומען דער דעם נאַמען,
ווער ס'וועט לויפען ווייטער...

שייך אַבדולאַ איז אַ יונגער,
פופצעהן ווייבער, פערציג קינדער,
הונדערט קנעכט און דריי טאַבונען
שאָף און רינדער...

איז זיין שקאַפּע וויס און היציג,
הויכע פיס, אַ ברייטער רוקען,
האָט ער ליעב איהר גריווע גלעטען,
אין די אויגען קוקען...

זיין אַבייע איז אַ שוואַרצע,
גאָלד באַזוימט אויף אַלע עקען,
ביי דער זייט — אַ גרויסער „מויזער“,
אין דער האַנט — אַ שטעקען...

רויטע שטיוועל, זילבער־שפּאָרען,
קלאַפּט ער אין דער שקאַפּעס ריפּען,
יאָגט ער, ברענען איהם די אויגען,
ציטערען די ליפּען...

פערענאדע.

אך, שעהן ביזטו פאטמא, נאך שעהנער,
פון קעמעל וואס ווערט ערשט געבוירען...

ס'איז תמיד דיין פנים באהאלטען
בארעקט מיט א שלייער, א דיקען,
כ'וואלט זיבעציג לירעס באלד שיקען,
באצאהלען דיין טאטען, דיין אלטען...

איך וואלט אין מיין הארעם דיך קרוינען,
דערהויבען אויך דיך איבער אלע,
אויך וועל איך, מיין געטליכע כלה,
דיך היטען באשטענדיג און שוינען...

און סעודות פאר דיר וועל איך גרייטען
פון שעפעלאך יונגע, געבראטען;
אך, שעהן ביזטו, פאטמא געראטען,
דו זאלסט נאר ניט נעמען קיין צווייטען!...

מיין שקאפע — א יחוס'דיג־שעהנע,
זי שטאמט פון דעם וויסטען גאליל,
זי איז אויסגעלאָפען שוין פיעל,
ניט קוק וואָס זי איז אזא קליינע...

מיין שבט ער וואנדערט שוין יאָהרען,
אויף גאָלדענע, זאמדיגע וועגען;
דו מעגסט ביי די שייכען זיך פרעגען:
ווער איז ניט פארציטערט געוואָרען, —

ווער ס'האָט נאָר געהערט פון זיין קומען!...
זיי שיסען מיט שפּיציגע שטיינער,
פארפעהלט האָט דעם ציעל נאָך ניט איינער,
קיין איינער געפאנגען גענומען!...

נו, האָב איך נאָך רינדער טאבונען,
פיעל לירעם — אין קרוגען פארגראָבען;
און וואָלט פאר א ווייב איך דיך האָבען,
דאן האָב איך מיין גליק שוין געפונען...

— — — — — — — — — — —

אז אייזעלע ווײנט פון דער ווייטען, —
אויך ווײנט מיין פארליעבטע נשמה,
איך נעהם פון דיין טאַטען נקמה:
כ'וועל איהם איבעריאָגען אין רייטען...

אר וואָס דאָס אייזעל וויינט

1.

אויף גליל'ער ווייסטע וועגן
בעדואינער שבטים וואגלען:
עסען זיי פון פעלד די גראזען,
טרינקען וואסער פון די לאגלען.

ווען עס פאשען אפ די סטאדעס
אויף א בארג די גרויע גראזען,
דארף מען ביידלאך נאר צונעהמען
און אין וועג אריין זיך לאזען.

ציהען לאנגע קאראוואנען
יאהר נאך יאהרען אויף די וועגען,
ברענט די הייסע זון דאס פנים,
וואשט דאס לייב דער קאלטער רעגען.

און אין פורפורנע פארנאכטען
זיינען בערגער אנגעצונדען,
און עס דוכט זיך, אז פון ערגעץ
טריפט דאס בלוט פון טויזענד וואונדען.

שפרייטען זיי די שווערע מאנטלען,
בויגען זיך פאר גאט און קניהען
און, צו מערב די געזיכטער,
ברענען פייערדיג און גליהען.

קלאפען זיי די ברוינע שטערענס,
אן די אנגעגליהטע שטיינער,
ביז די זון ווערט ניט פערשוואונדען
ריהרט זיך פון זיין ארט ניט קיינער...

2.

יעדער בוימעל האט זיין ווארצעל,
און זיין קוואל האט יעדער ברונען;
יעדער שבט האט זיין יחוס
מיט זיין שווערד און שפיז געשפונען.

שווערד און שפיז וועט ער ניט בייטען
אויף די רוהיגע פאלאכען,
זודיג בלוט וועט ער ניט מישען,
און זיין יחוס ניט אפשוואכען.

איז אמאָל געווען איינער,
קיינער האָט געוואוסט זיין שטאַמען,
האָט ער דאָך געוואגט צו ליעבען
די מיוחס׳טע רוחאמען.

אָרעם איז אמין געווען,
ניט קיין שאָף און ניט קיין רינדער,
אָרעם איז געווען זיין טאטע
און געשטאָרבען וואו א בלינדער.

און געלאָזט האָט ער אמינען
גאָר אַן אָרעמע ירושה,
גאָר א מילך־ווייסע אייזעל
און א שטיינדעל פון קדושה.

איז דאָס שטיינדעל וואו פארפאלען
און געבליבען איז דאָס אייזעל,
האָט ער מעהר פאר דעם קיין עסען,
נאָר פון בארג דאָס גרויע גרעזעל.

פלעגט אמין דאָס ווייסע אייזעל
וואשען אלע טאָג און קאַמען,
און זיך טוליען צו זיין גריווע,
ווי א קינד אין שוים פון מאַמען.

און דאָס ערשטע האָט דאָס אייזעל
פון זיין ליעבע צו רוחאמען,
זיך דערוואוסט אין בין־השמשות,
ווען עס זינקט די זון אין פלאמען.

און געהערט האָט איהם דאָס אייזעל,
אומעטיג אזוי געבויגען,
מיט׳ן ווייסען קאָפּ געשאָקעלט
און די אוי׳רען אויסגעצויגען...

3.

האָט אמין זיך פאַר אַ פּאַסטוך
צו אבו־סאַאיד פאַרדונגען,
טאָג און נאַכט די שאָף געפּאַשעט,
לידער טרויריגע געזונגען.

און געהערט האָט זיי רוחאַמע
איינמאָל אין אַ שטילען מאָרגען,
האָט זי אונטער גרויע שטיינער
אַ פאַרגאַפטע זיך פאַרבאָרגען.

ביי דער זייט דאָס ווייסע אייזעל
און צושפּרייטע שאָף און רינדער,
דאַכט זיך הערען זיינע לידער,
ווי פאַר׳כשופ׳ט — שטילע קינדער.

און אזוי אין יעדען מאָרגען
פלעגט רוחאַמע שטעהן און הערען,
און מיט יעדער זון די לידער
פלעגען אומעטיגער ווערען.

4.

און אמאָל איז נאכט געוועזען,
רוהיג זיינען איינגעשלאָפען
די צוואָוואָרפענע געצעלטען —
איז רוחאַמע שטיל אנטלאָפען.

שטיל אנטלאָפען און געציטערט,
צי פון פּחד, צי פון ווינטעל,
ערגיץ האָט א גלאָק געקלונגען
און געהאָוקעט האָט א הינטעל.

האָט זי זיך געשטעלט צוקאָפּענס
פון דעם טרוי'ריגען אַמינען:
— וועט דיין בענקענדע נשמה
שטילע רוה אמאָל געפינען?...

און אַמין איז ניט געשלאָפען,
נאָר פארטרוימט אזוי געלעגען:
— אויב איך וועל מיין רוה געפינען
דאַרף איך דיך, רוחאַמע, פרעגען...

האָט רוחאמע זיך געבויגען
און געקושט זיין הייסען שטערען.
און געשלייכט זיך גיך פון דאַנעט
קיינער זאָל זי ניט דערהערען.

ווייסטו, אייזעל, אז רוחאמע
האָט אמינען ליעב באקומען ?...
איך וועל היינט דיך ריינער וואשען
און באַציערען דיך מיט בלומען.

און די בערג און טאָלען האבען
יענעם טאָג געהערט אַ ניגון
פול מיט גליק און פול מיט ליעבע
אין דער בלויער לופט זיך וויעגען.

אבער אָווענד האָט אמינען
אַ פארטרויערטען געטראָפען ;
און די נאכט האָט ער געוואָגעלט,
רוהיג ניט געקענט איינשלאָפען.

— איך און דו, מיין ווייסער אייזעל,
וועלען קיינמאָל זיך ניט שיידען,
ניט פאר'ן אָרימען אמינען
איז דער ערדישער גן־עדן.

און נאָך אומעטיגער זיינען
זיינע לידער דאָן געוואָרען,
וויינט אזוי אויף זיינע חורבות,
ווער עס האָט זיין גליק פערלאָרען.

איז ביינאכט צו איהם געקומען
א דערשראָקענע רוחאמע,
און געטרייסט איהם און געצערטעלט,
ווי א גוטע, גוטע מאמע.

— זאָג: דיין עהרליכע נשמה,
וואָס קען דריקען נאָך אצינדער?
זעה, מיר ליעבען זיך דאָךביידע
ווי צוויי קליינע, וואוילע קינדער...

— איך בין אָרעם און א פאסטוך
לעב מיט אַלעמען אין פריעדען,
קען איך וואגען דען א טאָכטער
נעהמען ביי אבור־סאאיד׳ען?..

און אמין נעהמט אָן דאָס אייזעל,
גלעט זיין מילך־וויסען רוקען:
— איך בין נור א קנעכט דיין טאטען
און איך דאַרף צו איהם זיך בוקען...

און די בערג פארשלייערט - בלויע
און די טאַלען, שטיל־פארשלאָפען,
הערען א פארשטיקטעם חליפען:
— כ'קען, רוחאמע, גאָר ניט האָפען...

„גאָר ניט האָפען" — האָט א שטימע
אָפּגעענטפערט פון דערווייטען,
און אבו־סאאיד געקומען
איז פון ערגיץ־וואו צו רייטען...

און א קויל האָט גלייך געטראָפען
אין דער ברוסט אריין אַמינען,
וועט שוין איצטער זיין נשמה
ערגיץ שטילע רוה געפינען?...

און דאָס מילך־ווייסע אייזעל
איז צוקאָפּענס איהם געשטאַנען
און געקוקט איהם אין די אויגען,
זיינע ווייטאָגען פארשטאַנען...

און צעוויינט האָט זיך דאָס אייזעל,
בלייבענדיג אליין פארלאָזען,
ס'האָבען בארג און טהאָל געענטפערט
און געציטערט האָבען גראָזען.

פון חומש.

ויצא יצחק לשוח בשדה.

אויפ'ן הארץ האט ער פארלעגט אזוי די הענט,
אין די אויגען האט דער לעצטער שטראהל געברענט.

בערג אין ראזאווען טומאן פארהילט,
פייערדיג בעזוימט די וואלקענס ווייך,
ציטערדיגע טויבען אין דער הויך,
אין דער ניעדער שטיל א פאסטוך שפיעלט.

אבגעשארען יונג די שאף
אין פארנאכטיג לייכטען שלאף
ליגען אויפ'ן גראז צושפרייט,
איבער זיי א ווינטעל וועהט...

פויגלען צווישטשען שטיל,
ערגעץ רוישט א מיהל,
פליסט א טייכעל וואו,
אינ׳ם לאנד פון רוה.

תפלה׳דיג,
הארציג גליק,
אויגען צו —
רוה, רוה, רוה...

אויפ׳ן הארץ האָט ער פארלעגט אזוי די הענט,
אין די אויגען האָט דער לעצטער שטראהל געברענט...

ואתחנן.

...און איך האָב אין יענער צייט ביי גאָט געבעטען:
„האָסטו מיר דיין גרויסקייט ווייזען אָנגעהויבען,
האָסטו מיט דיין שטאַרקער האַנט מיין פאָלק ישראל
פון זיין קנעכטשאַפט אויף דער פריי אַרויסגעהויבען: —

ווייז מיר אויך אויף ווייטער דיינע גוטע חסדים,
פיהר דעם שטורעמדיגען ירדן מיך אַריבער,
לאָמיך זעהן דאָס פעטע לאַנד מיט מיינע אויגען,
וואו מיין פאָלק וועט רוהיג בויען זיינע שטיבער...

לאָמיך זעהן דעם אַלטען הויכען באַרג לבנון,
וואו מיין פאָלק וועט האַקען פאַר געצעלטען בוימער,
לאָמיך זעהן דעם אמת פון מיין גרויסען חלום,
וויסען אַז געוועזען בין איך ניט קיין טרוימער"...

גאָט האָט מיר דאָס לאַנד פון הויכע בארג געוויזן
און געזאָגט, מײַן פוס וועט יענע ערד ניט טרעטן.
יענע ערד, וואָס וועט פון אײַך געאַקערט ווערן.
אײַך און אײַ'ערע קינדער מיט איהר תבואה זעטן...

ודוי.

כ'האב פארפאקט מיין ארעם פעקעל,
מיט א שטריקעל עס פארבונדען,
ס'וועלען מיך אין וועג באלייטען
מיינע וואונדען...

כ'האב מיין גאלדען לאנד פערלאזען,
בין פאררעטעריש אנטלאפען,
וועל איך אונטער פרעמדע הימלען
קענען שלאפען?

און געוואלט האב איך אויסקויפען
מיינע זינד מיט בלוט און לעבען,
איך בין ארעם, כ'קען מיין לאנד דאך
מעהר ניט געבען...

בעסאראביע

פליסט דער פרעהליך־בלויער דניעסטער
צווישען צוויי געטרייע שוועסטער —
בעסאראביע און פאדאלי.
איילט זיך דארטען א חאחאל,
דא א מאלדאוואן אין טהאל
געהט זיך שטיל פאוואלי...

זיינען האטקעס דארט צושאטען
אין געדיכטען סעדער שאטען,
צווישען סעדער ברייטע וועגען,
צווישען סטעפעס דא, די שטיבלאך
שמייכלען קינדעריש און ליעבלאך
יענעם דערפעלע אקעגען...

א פאראם פוןביידע זייטען,
שרייט מען איבער זיך פון ווייטען:
„עה, דארט, האלט די שטריק וואס פעסטער!"...
שיקט מען פליטען דארט מיט וועלדער,
דא — די תבואה פון די פעלדער,
אלעס פיהרט אוועק דער דניעסטער...

אין סטינע.

א׳

אנ׳אלטער טשאַבאַן אין אַ פּעלענעם פּעלצעל,
אַ גרויער פּאַרוואַקסענער הונט ביי דער זייט,
שעפּעלאַך נאַקעט, די וואָל אָפּגעשאָרען,
און גרין איז די טאָלאָקע, ווייט אַזוי ווייט.

עטליכע ברעטלאַך אויף גיך צוגעשלאָגען,
שטרוי פאַר דעם דעכעל פון סקירדע געבראַכט,
טוליעט די „סטינע" זיך הינטער דעם בערגעל,
מעלקט מען די שאָף דאָ פאַרטאָג און פאַרנאַכט...

ווערט נאָר אַ שרעקעדיג לעמעל געבאָרען,
מאַכט אויפ׳ן שטעקען אַ קאַרב דער טשאַבאַן,
און לאַנג איז דער שטעקען, און לעמעלאַך קומען
מיט יעדען פריהמאָרגען, ווי ס׳קרעהט נאָר דער האָן...

צעהלט ער די קארבען פאַרנאַכט און פריהמאָרגען,
לעמעלאַך קומען טאָג איין און טאָג אויס,
ווערען די פּעלעכלאַך ווייבע געקרויזטע,
זיינען די אויגעלאַך שוואַרץ, אַזוי גרויס...

ב׳

שפּרינגט אַ לעמעלע גאַלאָפּ,
דרעהט באַ׳חנ׳ט אַזוי דעם קאָפּ,

לויפט אַ הינטעלע און בילט,
און אַ קעלבעלע ווערט ווילד,

טאַנצט און רייסט אַרויף דעם עק,
וואַרפט אויף נענזעלאַך אַ שרעק...

קוליע, קוליע, באַרג אַראָפּ,
מיט אַ דיקען שוואַרצען צאָפּ,

קומט אַ שיקסעלע צוגעהן
צום טשאַבאַן מיט אַ געוויין.

ס'האט דער הונט זי דארט צוביסען
און דאס קליידעלע צוריסען...

קומט פון ערגיץ אן א האז,
ווארפט ער זיך אריין אין גראז.

און א שניי'על, פארשיימ,
זעצט זיך אויף א ציעג און רייט.

און די ציעג, אין איינע שרעק,
לויפט אין וויימען סטעפ אוועק...

און די קאטשקעס אויפ'ן טייך,
שווימען אין א שורה גלייך

ערגיץ מיט'ן שטראם אוועק
און א שניי'על ביים ברעג,

ווארפט א שטיינדעלע צו זיי,
מאכען קאטשקעס א געשריי...

א׳

אויף בעס׳ראַבער ברייטע סטעפּעס
ווערען פאַרטיג די פּאַפּשויעס,
אַסיענדיג איז שוין אין דרויסען,
טוליען זיך פאַר קעלט די גויעס...

און זיי ברעכען די פּאַפּשויעס,
לאַדען אַן זיי אויף די וועגען,
איבער זיי — די שווערע חמאַרעס
שרעקען מיט אַ שווערען רעגען...

גוים — אין די גרויע קוטשמעס,
אין די קורצע שאַפּען־פּעלצלאַך,
געהען נאָך דעם שווערען אקער,
אנגעשפּאַרט זיך אויף די העלצלאַך...

און די שטיוועל טיעפע ברייטע,
אייזען אנגעשמיעדט די זוילען. —
טיאפּקען זיך אין לויזער בלאָטע,
אסיען טאָר מען זיך ניט פוילען...

בלייבען פעלדער ניט צואַקערט,
קען מען ווינטער־ברויט ניט זייהען,
דאַרף מען שפּעט אום זומער שניידען,
קאַלט איז שווין צו דרעשען, ווייהען...

הערט דער פרוסט און הערט דער דניעסטער
די צוצויגען־שטילע „דאַינע",
הערבסט־טעג אויף די ברייטע סטעפּעס
זיינען טרויעריגע אַזוינע...

ר'

האט א סנאפ פון גערשטען ווער אין פעלד פארגעסען,
איז אנ'אקער דא אנ'עלענדער פארבליבען,
האט א קעלבעלע פון דערפעל זיך פארבלאנדזשעט,
מעקעט עם פארטרויערט, פון דעם ווינד געטריבען...

הירזשען ערגעץ אין די שטאלען פערד דערשראקען,
רייסען זיך די הינט ביים טויער פון די קייטען,
און דאס שטרוי פון דעכעל ציטערט. אויפ'ן בוידעם,
טוליען זיך די שוואכע הינער איינס צום צווייטען...

האט א טירעל פון אנ'הוק זיך אפגעבראכען,
טראגט זיך אין דער נאכט א קוויטשענדיגער סקריפען,
איז די מיהל א חרוב'ע אצינד פארבליבען,
דוכט זיך טויזענדער נשמות דארטען חליפען...

ס'האָט מיר היינט געבראַכט דאָס ווינטעל.

ס'האָט מיר היינט געבראַכט דאָס ווינטעל
דעם גערוך פון גרינע זאַנגען,
האָב איך צוגעמאַכט די אויגען,
בלינדערהייט אַזוי געגאַנגען.

בלינדערהייט און דאָ און דאָרטען
שפּרייטען פרעהליך זיך די סטעפּעס;
ס'בויגען זיך די פולע זאַנגען,
בויגען זיך און שעפּטשען עפּעס.

דאָרט אַ דערפעל, דאָ אַ טייכעל
און אַ מיהל פון גרויע שטיינער;
וואַרעמט זיך אַנ'אַלטער פויער
אויף דער זון די מיעדע ביינער.

גענעצט דאָרט אַ הונט פאַרשלאָפען,
שפּיעלט אַ קאַץ זיך מיט איהר שאָטען;
רייבט אַ פויער פולע זאַנגען,
זעהט דאָס ברויט איז איהם געראָטען.

ס'האָט צוהוליעט זיך דאָס קעלבעל,
לויפען הינער אום דערשראָקען,
וואַשט אַ שיקסע פלאַקס ביים טייכעל,
שפּילט דער ווינט מיט איהרע לאָקען.

אין דער אַלטער היים

1.

געוואָהנט האָט פון יאָהרען דער אַלטער יחיאל
ביים פּריצישען טייך אין דער שטיינערנער מיהל.

די מיהל איז פאַרוואַקסען געוועזען מיט מאָך,
די ווענט, וואו אַ שפּעלטעל און וואו גאָר אַ לאָך.

דער שינדלענער דאַך איז פון רעגענס צופוילט,
די סטרעשענע איז שוין פאַרשוואַרצט און פאַרקויהלט

און הענגט זי אַראָפּ אויף דער ערד אַזוי שוואַך
און שלעפּט מיט זיך, דוכט זיך אינגאַנצען דעם דאַך.

אַמאָל האָט געהאַלטען, אַז באַלד באַלד, זי פאַלט,
יחיאל האָט פיער דעמבעס געבראַכט פון'ם וואַלד.

פאַרקאַשערט די אַרבעל, פאַרשטעקט זיך דעם ראָק,
(געוועזען איז דאַמאָלסט אַ וואַרעמער טאָג.

די גוים — פארנומען ביים אקער אין פעלד
דערפאר האט קיין מאהלעכץ זיך דאן ניט געשטעלט)

גענומען די שטאלענע האק אין די הענט —
געשמאק האט ביי איהם זיך די ארבייט צוברענט,

געטעסעט אזוי ביזקעל מנחה צייט,
און איז מיט דער ארבייט פארפאהרען העט ווייט...

אויף מארגען, ווען דרויסען געווען איז נאך גרוי,
פון שלאף אויפגעריסען א שכנ'שען גוי

און ביידע די סטרעשענע אונטערגעשפארט.
דערנאך האט דער גוי נאך אויף עפעס געווארט,

דאס פוטערנע היטעל ארונטערגערוקט,
אזוי ווי פארשעהמט אויף יחיאל'ן געקוקט...

יחיאל האט פארשטאנען אליין וואס ער וויל,
אין אלקערעל איז ער אריין אין דער שטיל,

געווען איז אין אלקער כמעט נאך ווי נאכט,
יחיאל האט דעם בראנפען געזוכט און געטראכט:

די אלטיטשקע שלאָפט נאָך, געזונט אויף איהר קאָפּ,
אַ גאַנצען טאָג איז זי פאַרנומען ביים טאָפּ,

פון אלדעם גוטס וואָלט זי פאר איהם אַנגעגרייט
און וואָלט איהם אין זייד און אין אַטלאַס געקליידט...

זי קיבעלט איהם נור ווי אַ פּיצעלע קינד:
— פערהיל זיך דעם האלז, ווייל עס בלאָזט הייגט
אַ ווינט...

— די וואָלענע זאָקען טו אָן אויף די פיס,
אין דרויסען איז רעגענדיג, נאָס אַזוי מיאוס...

אַמאָל קען ער ווערען אויף איהר גוט אין כעס,
ער האלט אין פאַרריכטען דעם לעדערנעם פּאַס.

צי ס'האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן עפּעס דאָס ראָד
און ווייל זיך ניט דרעהען, כאָטש טענה צו גאָט,

די גוים זיי רייסען איהם ממש די הויט,
די מיהל זאָל ער לאָזען און מאַהלען דאָס ברויט

און זי קומט אינמיטען דערינען אריין
און טראָגט איהם אַ טעצעל מיט לעקאך און ווייַן...

ס'האָט דורך די פענסטער דער מאָרגען געגרויט,
יחיאל האָט גענומען דעם בראַנפען און ברויט,

דער גוי האָט געוואונשען פרנסה און גליק,
גול־גול, און ער גיט איהם דאָס פלעשעל צוריק...

פון דאַן איז די מיהל שוין געשטאַנען אזוי,
ער האָט אַלע זומער גערונגען אַ גוי,

מיט עטליכע שינדלען פאַרלאַטעט דעם דאַך,
אבי גאָט זאָל העלפען נאָר מאַהלען אַ סך. —

זיי וועלען זיך עלטערען שוין אין דער מיהל
און לעבען זיך ביידע אזוי אין דער שטיל...

וואָס דאַרפען דען האָבען צוויי עלטערע לייט?...
די קינדער זיי זיינען אין שטאָט ערגיץ ווייט

און שיקען אמאָל זיי אַ בריוועל אַריין
און שרייבען: „וואָס דאַרפט איהר אליין דאַרטען זיין?

איהר קענט אויף דער עלטער ניט דאַגה'נען גאָר
און לעבען בכבוד די עטליכע יאָהר...

גענוג אייך שוין האָבען צו טהאָן מיט'ן גוי,
אז איהר קענט זיך לעבען אין פריידען אזוי"...

פלעגט לעזען דאָס בריוועל דער אלטער יחיאל,
דערמאָהנט זיך די גרויע פארוואקסענע מיהל,

דאָס ראָד וואָס פון וואסער איז גראָזיג און גרין,
דאָס בריקעל וואָס וויגט זיך אהער און אהין,

דאָס טהירעל וואָס סקריפּעט און קרעכצט אזוי שווער
און שטיל רינט אראָפּ פון די אויגען א טרעהר...

ס'איז שווער זיך צו שיידען, נו בלייבען זיי דאָ,
געוועזען דאָ יונגע, געוואָרען דאָ גראָה.

געהאט דאָ, אי צרות, אי נחת, אי פרייד,
און תמיד דעם בורא געדאנקט שטילערהייט...

2.

דער ווינטער אויף סטעפּעס איז צאָרענדיג־קאלט
פארפראָרענע שטעהען די ביימער אין וואלד,

די פעלדער — פארהורבעט מיט הויפענס פון שניי.
אויף מיילען די ווייט איז ניט פאָהר און ניט גייה:

פארשאָטען די וועגען, די שליאַכען פאַרוועהט,
נור ערגעץ א סלופּ פונ'ם טעלעגראַף שטעהט.

די דראָטען באַהאַנגען מיט שנירעלעך שניי
און שטיפעריש שפּיעלט זיך דער שטורעם מיט זיי...

די מיהל איז פון ישוב אויף גאַר אָפּגעהאַקט.
ס'קען קיינער ניט קומען אהער מיט'ן טראַקט:

אמאָל נור א שכנ'ישער גוי קומט צוגעהן
מיט הענט פונ'ם פראָסט, ווי פאַרהאַרטעטער שטיין.

די וואָנצעס — פאַרקאָוועט מיט שניי און מיט אייז,
די באָרד — אזא שווערע און איז אזוי ווייס.

די אלטיטשקע איז איהם מכבד מיט טיי,
דערצעהלט ער אלץ נסים פון פראָסט און פון שניי:

געגאַנגען איז איינער פון שכנ'ישען דאָרף
אין וואַלד אריין קלויבען אי צווייגען, אי טאָרף.

דער שניי האָט פאַרהורבעט דעם וועג אויף צוריק,
איז פּלוצלינג געקומען א רויטליכע ציעג

און האָט אויף די הערנער געגומען איהם באַלד,
שפּרינג, שפּרינג און זיי זיינען פון יענער זייט וואַלד...

עס טרעשטשעט דאָס פייער אין אויוועז געשמאַק,
דער זייגער קלאַפּט הייזעריג אָפּ זיין טיק־טאַק.

דער שטורעם אין דרויסען וואַרפט פליאַכעס מיט שניי,
דער גוי דערצעהלט ווייטער: „אַ האָן גיט אַ קרעה,

די ציעג הויבט אָן לאַכען און שטשירען די ציין,
ביים הויז איז ער ליעגען געבליבען אַליין...“

יחיאל הערט די מעשיות דערצעהלען דעם גוי
און טראַכט מיט אַ שמייכעל: נו זאָל זיין אַזוי,

עס איז דאָך נישטאָ וואָס צו טון סיי ווי סיי,
וואָס שאַדט עס איהם הערען דעם גוי׳ס פּלאַפּלעריי?..

דער טייך איז פאַרפראָרען, פאַרהאַמערט דאָס ראָד,
דו קענסט אין אַ שליטען פאַרפאָהרען ביז בראָד...

ס׳איז וואַרעם און פּאַרנע און היימליך אין הויז,
נו הערט מען די גוי׳אישע מעשיות אויס...

3.

אוועק איז דער ווינטער מיט בייזען געשריי,
די זון האט צולאזען פון סטעפעס דעם שניי.

דער טייך האט געטרעשטשעט, געבראכען דאס אייז, —
אין מיהל ביי יחיאל׳ן געשעהן איז א נייס:

אהין איז געקומען דער פריץ אמאל,
מיט גלאנציגע אויגען און קאלטע ווי שטאל.

ארומגעקוקט האט ער פון מיהל יעדער שטיין,
ווי ס׳ערשטע מאל וואלט ער די מיהל גאר געזעהן,

געמאסטען דעם הויף אין דער לענג אין דער ברייט,
געריינינגט אליין, וואו געווען איז פארשנייט,

פארנויגט זיך, און שווייגענדיג איז ער אוועק,
געקומען איז שפעטער מיט עטליכע טעג

א שייגעץ צורייטען, א בריעוועל געבראכט
און שרייבט דארט דער פריץ, אז היינט איבער נאכט

מוז ער זיך ארויסציהען אינגאנצען פון מיהל...
געליי׳נט האט דאס בריוועל דער אלטער יחיאל,

און ס'האָט איהם געציטערט די הינטערשטע ליפּ,
די מיהל איז צום הארצען איהם נאָהענט און ליעב,

דאָס שטורמישע וואסער, דאָס ראָד און די „צייהן".
דער גרויער, אויף האלבען צוטראסקעטער שטיין,

די בייזע פּלאָטינע, וואָס קאָכט נאָר און זידט,
דער פּאָס וואָס ער האָט איהם פארנעהט אין דערמיט,

דאָס הויף און די הינער, דאָס קעלבעל, די קוה, —
ס'האָט אלץ אויף דער עלטער איהם צוגעזאָגט רוה...

אַח, גאָט זאָל דעם פריץ'ס הארץ מאכען ווייך,
ער זאָל איהם ניט טרייבען פון דאנעט מיט כח.

מישטיינס געזאָגט, פיעל דארף ער לעבען נאָך גאָר?..
און גאָט זאָל נאָר וועלען, איז נאָך א פּאָר יאָהר...

4.

יחיאל איז געקומען צום פריץ אין הויז, —
די צימערען זיינען דאָרט ליכטיג און גרויס,

טאפּעטען, געשפּונען פון פורפּערנער וואָל,
די לאָמפּען — פון גאָלד און פון ריינעם קריסטאָל,

מיט פארביגע בילדער — באהאנגען די ווענט,
אין ווינקעל — די „מוטער" פארלעגט איהרע הענט.

פון אונטען — א ציטעריג פייערעל ברענט
(יחיאל האט דעם קאפ אן א זייט אפגעווענדט...)

ארום איז א גארטען געדיכט ווי א וואלד,
די בוימער דארט זיינען צוּוואקסען און אלט,

די נאקעטע צווייגען — פארקרומט און פארדארט.
יחיאל האט אן פענסטער דעם קאפ אנגעשפארט,

געקוקט אינ'ם גארטען. די וועגעלאך שמאל
און פיהרען זיי אלע צום פינסטערען טאל.

עס וואהנט דארטען, זאגט מען, א מיידעל אליין,
אין איהר ליעגט באגראבען א טייפעלשער חן.

און איז זי ווי שלמה המלך נאך קלוג,,
איין קוק אויפ'ן פריץ פאר איהר איז גענוג.

ער זאל פאר איהר וואלגערען זיך אויפ'ן דיל
(אח זינדיגע תאוה, פארטראכט זיך יחיאל.

דער פּריץ איז, דוכט זיך, אזוי ניט קיין נאַר
און קריכט ער אליין אין דער נעץ פון געפאהר...)

א זייטיגע טיהר האָט געעפענט זיך ברייט,
דער פּריץ — א בייזער, פון צארען אזש רויט,

און האָט אויף יחיאל'ען געקוקט מיט א כעס,
יחיאל איז געוואָרען דערשראָקען און בלאַס,

ער האָט אבער באלד אויפגעהויבען דעם קאָפּ,
געקוקט אויפ'ן פּריץ פון אויבען אראָפּ,

און האָט איהם דערלאנגט דעם פארגעלטען קאָנטראַקט
(דער פּריץ האָט קוקען אויף איהם ניט געוואגט).

יחיאל האָט א שטומער פארלאָזען דאָס הויז
און איז אינ'ם ליכטיגען דרויסען ארויס.

א ווינט האָט געבלאָזען, געוועזען איז קיהל,
און שטום איז געגאנגען דער אלטער יחיאל.

געזעגענט זיך האָט ער מיט פעלד און מיט זאנג,
מיט שטילען און הארציגען פויגעל געזאנג.

מיט גרעזעלע יונג און מיט שטיפערשען ווינט, —
צום לעצטען מאל איז ער מיט זיי שוין אצינד.

פארוואָרפען דערנאָך וועט ער ווערען אין שטאָט
און פטור מיט מיהל און מיט שטיין און מיט ראָד...

5.

„נו, אלטיטשקע, וויין ניט, אזוי איז בעשערט,
כ'בין ניט קיין בן יחיד ביי גאָט אויף דער ערד:

פּאַק איין אלע זאכען און קום, מיר'ן געהן,
דו וועסט גאָרניט העלפען מיט ביטער געוויין"...

די גוי'אישע שכנים פון דערפער ארום
גע'צלמ'ט זיך האָבען דערשראָקען און פרום,

פון יונגערהייט קענען יחיאל'ען א סך
און איצטער — א זקן, א גרויער און שוואך.

באדאָרף ער זיך לאָזען, ווער ווייסט נאָך וואוהין...
דאָ הויבען די סטעפּעס אן ווערען שוין גרין,

און תבואה צו מאָהלען וועט זיין אזוי פיעל,
ווער וועט איצטער פיהרען די שטיינערנע מיהל?...

6.

די מיהל האַט געפּוסטעוועט עטליכע טעג,
גלייך לאַנג שוין פאַרגעסען אהין איז דער וועג.

דערנאָך זיינען פּרעמדע געקומען צו געהן,
צוואָרפען די ווענט דאָרט א שטיין נאָך א שטיין,

דאָס ראָד איז פאַר'יתום'ט געבליבען אַזוי,
פון שטוב איז געבליבען א קופּע מיט שטרוי,

געבלאָנקעט די טויבען אהין און אהער,
דער טויבענשלאָג איז ניט געוועזען שוין מעהר,

קיין קערענדלאָך תבואה איז אויך שוין נישטאָ,
ווער וועט אויף די טויבען זיך אומקוקען דאָ?...

דערנאָך האָט מען זי אויף ס'ניי אויפגעבויט,
ארומגעצאַמט זי מיט אן אייזערנעם פּלויט.

מ'האָט קופּערנע קעסלען געבראַכט פון דער ווייט,
און שטאַלענע וואַלצען, און זיפּען פון זייד,

און קוימענעס הויכע, די ציעגעל געברענט
פון שווארצען גראַניט די געפּלאַסטערטע ווענט.

אויף פּאַרע גע̇לאָזט זי, עס הודזשעט, עס ברומט, —
מיט מאַלעכ׳ץ אהינצו דאָך קיינער ניט קומט...

ס׳דערצעהלען די גוים, אַז אַלע ביינאַכט,
ווי עמיצער, הערט מען, אין מיהל דאַרטען לאַכט.

עס נעהמען די אייזערנע רעדער זיך דרעהן
און ס׳הויבט אָן צו פּייפען דער פּייפער אַליין.

און הייזעריג סקריפּען די וואַלצען פון שטאָל...
ס׳האָט איינער אפילו געזעהען אמאָל

אַ מענשעל איינגאַנצען אַ פינגער די גרויס
אין שפּרינגענדיג פּלוצלינג פון קוימען אַרויס.

אַ מיצעל פון רויטען געוואַנט אויפ׳ן קאָפּ,
פון הינטער׳ן מיצעל — אַ פּעכיגער צאָפּ

און האָט זיך דאָס מענשעל געשטעלט אויף די הענט,
האָט באַלד זיך אַ פייער אין קוימען צוברענט...

א זומער אויפדערנאַכט אין שטעטעל.

ס'האָט א ווינטעל פון די סטעפּעס
אין א זומער אויפדערנאכט,
אינ'ם קליין בעס'ראביש שטעטעל,
דעם גערוך פון היי געבראכט.

היי, מיט שווערער מיה געשניטען,
און מיט ליעדער פריי באַלייט,
און פארטראָגען האָט דאָס ווינטעל
פונ'ם פעלד, די גרויסע פרייד...

האָט מען טהיר און פענסטער־לאָדען
פאר דעם ווינטעל אויפגעפּראלט,
און געזעצט זיך האָבען אלע
אויף די פּריזבעס, יונג און אלט...

סוחרים האָבען שטיל, געלאָסען
פון גערעטעניש גערעדט:
אַט, דער רעגען איז געקומען,
פריהלינגס־צייט, אביסעל שפּעט.

ס'איז דער גערשטען נאָך ניט צייטיג,
פילט נאָך ניט די זאנגען אָן,
און עס האָט נאָך ניט צולאָזען
זיינע בליטהען־רויט דער מאָהן...

און אלץ שטילער ווערט אין געסעל,
טהיר און פענסטער מאכט מען צו,
לעמפּלאָך ווערען אויסגעלאָשען,
ס'קומט די נאכטיג שטילע רוה...

נאָר אין איין פערלאָזען שטיבעל,
נאָכ'ן בריקעל אויפ'ן טייך,
לעשט זיך קיינמאָל אוים דאָס לעמפּעל,
ברענט ביי נאכט און טאָג צוגלייך...

און פון לייהם־פארשמירטען פענסטער
שלאָגט א שוואכער שיין ארוים,
ס'וויעגט אין שטיבעל זיך א שאָטען,
ווערט עך קליין און ווערט ער גרוים...

ס'וואהנט אין שטיבעל דאָרט יעוודאָכא
שוין פון יאָהרען לאנג אזוי,
איינגעבויגען איז דאָס דעבעל
און פארפוילט און שווארץ דאָס שטרוי...

די ציגײַנערין יעװדאָכאַ
האָט צװײ לאַנגע גרױע צעפּ,
נעהמט זי, זאָגט מען, זײ צום קעמען,
װערט אַ שטורעם־װינט אין סטעפּ...

האָט זי, זאָגט מען, נאָך אַ שפּינדעל
און פון אײַזען שפּיעזלאָך צװײ,
װײל זי, לאָזט זי אָפּ אַן אױגעל,
הױבט אַן שיטען באַלד אַ שנײ...

און אַ טעשעל קאָרטען האָט זי,
איז עס טױזענד יאָהר שױן אַלט,
יעדער קאָרט איז דיק װי קאָרע
פון אַן׳אַלטען דעמב אין װאַלד...

קלײנע קינדער, װען זײ װײנען,
אָדער װען זײ שלאָפען ניט,
זאָגט מען זײ, אַז אָט יעװדאָכאַ
אױף אַ לאַנגען בעזים פליהט...

טוליען זײ זיך שױן אין װיעגעל
און זײ ציטערען פון שרעק,
טרײסט די מאַמע, גלעט און צערטעלט:
ס׳איז יעװדאָכאַ שױן אַװעק...

אַ פֿאָלקס־ליעד.

אַ „צאַראַן“ בין איך און אָרעם,
ערד האָב איך גענוג אויף קברים.
אַיִם־צאַל, אַיִם־צאַל...

אויף מיין פעלד איז ניט געוואַקסען
דאַרף איך טרייבען פרעמדע אָקסען.
אַיִם־צאַל, אַיִם־צאַל...

אויפגעאַקערט ליעגען סטעפּעס,
וועל איך האָבען פֿון זיי עפּעס?...
אַיִם־צאַל, אַיִם־צאַל...

בעט איך גאָט פאַר פרעמדע רעגען,
ווערען שווער פאַר מיר די וועגען,
אַיִם־צאַל, אַיִם־צאַל...

און די פיס אין בלאָטע זינקען,
וואָלט איך ווײַן אַביסעל טרינקען...
אַיִם־צאַל, אַיִם־צאַל...

האָב איך אָקסען ניט צום טרייבען,
מוז איך ווינטער הונג'ריג בלייבען,
אים־צאַל, אים־צאַל...

ליג איך אין דער „קאַסאַ־מאַראַ"
אויסגעצויגען אויף אַ נאַרע,
אים־צאַל, אים־צאַל...

מאַמאַליגע וואָלט איך קאָכען,
האָט דער קעסעל זיך צובראָכען,
אים־צאַל, אים־צאַל...

איידער קויפען זיך אַ נייעם,
בעסער מאַכען אַ לחיים,
אים־צאַל, אים־צאַל...

וואָלט דאָס ווייב קיין פלאַקס געשפונען,
וואו וואָלט איך מיין ברויט געפונען?
אים־צאַל, אים־צאַל...

געהט איהר אָקסען, צו דער שחיטה
איך — איינגיכען אויף דער מיטה.
אים־צאַל, אים־צאַל...

פאַרטייטשונגען.

פּיאַש — אַזאַ מין גראַבאייזען.
קעפּיע — אַ שאַלכעל וואָס ווערט ארומגעבונדען אויפ'ן קאָפּ מיט אַן
אַגאַל — אַן אויסגעפלאָכטענער רונדער שנור.
אַבייע — אַ ברייטע פעלערינאַ.
דוראַ — אַזאַ מין קוקורוזע.
צאַבאַרעס — פרוכטען פון די שטעכעדיגע קאַקטוסען, וואָס ווערען געפלאנצט פאר פּלויטען אַרום די גערטנער.
דזשאַרע — ערדענער קרוג.
עה, חאַוואַדזשע, פּי מאַסאַרי — עה, דו פּריץ, האָסטו געלט?
מאַיע — וואַסער.
פאַנטאַזי — אַן אַראַבישער פאָלקס-יום-טוב, וואו מ'יאָגט זיך אויף פערד.
טאַבאַרעס — די יונגע בוימעלאך וואָס מ'פלאַנצט.
טשאַבאַן — פּאַסטוך.
פּאַפּשויעס — קוקורוזעס.
סטינע — אַ שטיבעל אויפ'ן פעלד וואו מ'מאַכט קעז פון דער שאָפענער מילך.
קאַסאַ-מאַראַ — אַן אויסגעפוצט הויז ביים מאָלדאַוואַן.

אינהאַלט:

1. אויפ'ן שוועל:

זייט געזונד — 5

אויפ'ן שוועל — 7

ס'איז מיר באקאנט — 9

ביים פענסטער — 10

ביים כותל מערבי — 11

אין די פייכטע היילען — 12

2. מיט'ן פּיאָש און אַקער:

דזשיאו — 17

מיר האָבען געשניטען — 19

אין דער פריה — 20

פארנאַכט — 22

נאַכט — 26

זינגט אַ בחור — 28

זינגט אַ מיידעל — 30

תל אביב, אין קינדער־קעניגרייך — 32

" " אַ יום־טוב — 34

רעגען־ליעדער. אַ געבעט — 35

" " מיין גרוב — 37

" " ס'רעגענט — 39

" " רוה, מיין פערד — 41

טרויבענשניט — 43

בכורים — 47

אַזוי איז דער זומער פארגאנגען — 49

ראש השנה לאילנות — 50

צווישען בערג — — — — — — — — — — — 52
אַ מאָרגען — — — — — — — — — — — 54
איהרע ליעדער — — — — — — — — — — 56
ביום ים — — — — — — — — — — — — 60
אונזערע פעלדער און וועלדער — — — — — 63
זוי דאַרפען דיין חסד — — — — — — — 65
גלעדי — — — — — — — — — — — — 69

3. אראַבישע מאָטיוועז:

כ'האָב געפעדערט — — — — — — — — — 97
אויב דו דוענקסט — — — — — — — — 99
דריי טויטען — — — — — — — — — — 101
חלומות — — — — — — — — — — — — 103
נאַכטיג גליק — — — — — — — — — — 105
פאַנטאַזי — — — — — — — — — — — 107
סערענאַדע — — — — — — — — — — — 108
פאר וואָס דאָס אייזעל וויינט — — — — — 113
ויצא יצחק לשוח בשדה (פון חומש) — — — 121
ואתחנן — — — — — — — — — — — — 123
ודוי — — — — — — — — — — — — — 125

4. בעסאראַביע:

— — — — — — — — — — — — 129
אין סטינע — — — — — — — — — — — 130
אויף די סטעפעס — — — — — — — — — 133
ס'האָט מיר היינט געבראכט דאָס ווינטעל — — 136
דער אַלטער מילנער — — — — — — — — 139
אַ זומער פאַרנאַכט אין שטעטעל — — — — 153
אַ פאָלקס־ליעד — — — — — — — — — 156